STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07541

DER RATSYONALIZATOR ELYE VISHNIAK

Israel Bialostocki

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פון שלאָגלער און ראַציאָנאַליזאַטאָרן

נר. 6

ישראל ביאַלאָסטאָצקי

דער ראַציאָנאַליזאַטאָר עליע ווישניאַק

פאַרלאַג „יידיש בוך"

וואַרשע 1956

BIBLIOTEKA PRZODOWNIKÓW PRACY I RACJONALIZATORÓW

Nr. 6

Racjonalizator ELE WIŚNIAK

Reportaż I. BIAŁOSTOCKIEGO

Redaktor D. SFARD

רעדאַקטאָר ד. ספאַרד

LIBRARY
FEB 25 1998
UNIVERSITY OF TORONTO
CANCELLED

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 5510. Nakład 5,500 egz. Druk ukończono w marcu 1956 r. Ark. druk. 5
ark. wyd. 3,5. Papier druk. mat. V kl. 61 × 86 cm, 70 g.
Druk. RSW „Prasa", W-wa, Tarczyńska 8. B-7-50984

עליע ווישניאַק

יאָר 1950.

עליע איז געקומען אַהיים אין אַ שלעכטער שטימונג. מאַריליע, זיין פרוי, האָט עס גלייך באַמערקט, כאָטש ער האָט זיך באַמיט אַרויסצוברענגען אַ שמייכל. שוין ווידער עפּעס ביי דער אַרבעט — האָט זי זיך געטראַכט.

עליע האָט זיך שנעל אָפּגעוואַשן, אַרויפגעצויגן אַ ריין העמד, זיך פאַרהאַלטן אַ ווײַלע ביים קינדערשן בעטל, באַטראַכט, ווי דער קליינטשיקער קאָפּעט מיט די פּיסלעך, און זיך געלאָזט צום שרייבטיש. ווען מאַריליע איז אַריינגעקומען פון קיך, איז עליע געזעסן פאַרטראַכט, מיט דער פעדער אין האַנט, ווי ער וואָלט געזוכט אַ פּאַסיק וואָרט. מאַריליע האָט נישט ליב די אָנגעצויגענע אַטמאָספער, און נישט לאַנג געקלערט, רייסט זי איבער די שטילקייט:

— דו גייסט עסן?

ביים טיש איז עליע געזעסן מרוקעוואַטע, האָט אַריינגעקוקט אין טעלער און אָן חשק געגעסן, נישט רעדנדיק אַ וואָרט. מאַריליע האָט אים נישט געשלעפּט פאַר דער צונג, זי האָט געדולדיק געוואַרט, ביז ער וועט אַליין אָנהייבן דערציילן, וואָס ס'דריקט אים אויפן האַרצן.

— איך גיי מיך באַפרייען פון דער אַרבעט, — האָט ער זיך ענדלעך אָפּגערופן, באַמיענדיק זיך דעם מאָן צוצוגעבן אַנטשלאָסנקייט. איך בין מער נישט מסכים צו אַרבעטן אויף די אַלטע באַדינגונגען. און, ווי וועלנדיק פאַרענטפערן זיין באַשלוס, האָט ער ווייטער געצויגן: — כמעט אַ יאָר צייט זיך געלערנט, אַלע אבסאָלווענטן פון קורס האָבן אַוואַנסירט, און איך — גאָרנישט! געלערנט האָב איך זיך נישט ערגער פאַר זיי. וואָלטן זיי מיר כאָטש פריער נישט צוגעזאָגט...

מאַריליען איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן, אַבי נישט עפּעס ערגער. זי איז באַלד אַריבער אין אָנגריף:

— וואָס האָסטו אַזוי אַראָפּגעלאָזן די נאָז, כ'האָב דאָך געמיינט, אַז דער דאָך איז איינגעפאַלן! ווילסט נישט אַרבעטן אין דעם קאָאָפּעראַטיוו, וועסטו גיין אין אַ צווייטן. עמעצער האָט דיך דען מיט אַ שטריק צוגעבונדן צום „אַגמעט"?

עליע קוקט איר גלייך אין די בלויע אויגן אין עס דאַכט זיך אים, אַז ס'איז טאַקע נישט פאַראַן פון וואָס זיך צו ערגערן. אָבער ער ערגערט זיך פאָרט, קען אייגנעם ווילן. ס'איז נישט אַזוי לייכט צו זאָגן: „כ'גיי אַוועק פון קאָאָפּעראַטיוו", צו וועלכן מ'איז צוגעבונדן, אַזוי ווי צו אַ צווייטע היים. ער האָט דאָך מיט זיינע אייגענע הענט געהאָלפן אויפשטעלן דעם וואַרשטאַט, וועלכער זעט היינט אויס ווי אַן אמתע פאַבריק. דער בנין, פון וועלכן ס'האָט נאָך אין יאָר 1948 געווייעט מיט אומעט און האָט געשראָקן מיט פוסטע פענצטער־לעכער, איז איצט אָנגעפילט מיט גערויש פון אַרבעט. אונטן אויפן פאַרטער שטייען די מאַשינען, כמעט אַלע אויסגעגראָבענע פון אונטער בערג חורבֿות אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט און צוריקגעבראַכט צום לעבן; אויפן ערשטן און צווייטן שטאָק געפינען זיך די האַנט־וואַרשטאַטן. געבן זיי באַוועגן זיך די אַרבעטער, זיי מאָנטירן פון באַזונדערע דעטאַלן פאַרטיקע זאַכן. צווישןביידע רייען וואַרשטאַטן וואַקסט יעדן טאָג אויס אַ הויכע וואַנט פון פאַרטיקע פּראָדוקציע, הויפּטזעכלעך פענצטער־ראַמען, טירן און מעבל, ווי טישן, בענקלעך, שאַפעס. מיט פרייד האָט עליע געטאָן די אַרבעט. ער האָט געוווסט, אַז יעדע פענצטער־ראַם, יעדעס בענקל באַרייכערט די ווירטשאַפט פון זיין שטאָט. דער בוי־קאָאָפּעראַטיוו „אַגמעט" גיט כסדר אָפּ אין עקספּלאָאַטאַציע ניי אויסגערעמאָנטירטע וווינונגס־בלאָקן. די פּראָדוקציע פון דער סטאָליערייַ גייט דירעקט אויף די בווינונגען. דער דאָזיקער באַוווסטזיין פלעגט שטענדיק פאַרפילפאַכן זיינע אָנשטרענגונגען.

ווישניאַק האָט געטראַכט וועגן זיין אַרבעט, האָט געזוכט וועגן, ווי לייכטער און בשוטער מאַכן די פאַרשידענע פּראָדוקציע־פּראָצעסן. נישט צופעליק האָט אים די לייטונג פון קאָאָפּעראַטיוו געשיקט אויף דעם כמעט יערלעכן קורס צו פאַרפולקאָמען זיינע קענטעניש. דאָס איז געווען אַ באַלוינונג פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט. די איצטיקע צוזאַמענשטויסן מיט דער אָנפירונג פון קאָאָפּעראַטיוו זענען נישט אויפן גרונט פון פערזענלעכע אַמביציעס. עס גייט אין דעם, אַז זיין אַרבעט זאָל אַנטשפּרעכן דעם דערוואָרבענעם וויסן. האָט דען די מלוכה אויסגעגעבן אַזויפיל טויזנטער זלאָטעס אויף זיין לערנען, בכדי ער זאָל נאָכן עגדיקן אַרבעטן פּונקט ווי פריער?

עליע האָט געפילט, אַז ער קאָן איצט ברענגען פיל מער נוצן, אָבער די אָנפירונג האָט נישט געגלויבט אין אים, געקאָרמעט בלויז מיט צוזאָגן. עליע האָט זיך שוין אַנטשלאָסן אַוועקצוגיין פון קאָאָפּעראַטיוו. זיין פרוי איז דאָך גערעכט:

קיינער האָט אים מיט קיין שטריך נישט צוגעבונדן צום „אָגמעט“. אָבער ער האָט פאַרדרוס אויף דער אָנפירונג, ס'פאַרדריסט אים, וואָס ער מוז אַוועקגיין. 1955 יאָר.

עליע מיט מאַריליען זענען צוריקגעקומען אַהיים גליקלעכע און צופרידענע. זיי האָבן זיך גאָרנישט געקאָנט אָנרעדן צו דער זעט וועגן דער פּרעכטיקער פייערונג.

...ס'האָט זיך דערנענטערט דער 10־טער יאָרטאָג פון באַפרייען שטשעטשין. דער קאָלעקטיוו פון די ווערפן האָט באַשלאָסן צואיילן דאָס אַרויסענדיקן די 10־טע פּולימיקע שיף. און הײַנט, דעם 31־טן מערץ, מיט אַ קנאַפּן חודש פאַרן אָנגעצייכנטן טערמין, איז די שיף 32־ב פון אַ לאָדונגס־פעיקייט פון 3.200 טאָן אַראָפּ אויפן וואַסער. דערבײַ איז דער אַרבעטס־פאַרברויך רעדוצירט געוואָרן דרייפאַכיק און די קאָסטן האָבן זיך פאַרקלענערט אויף 6 מיליאָן זלאָטעס.

אַ באַדייטנדיקן אײַנפלוס אויף דער פאַרשנעלערונג פון דער אַרבעט האָט געהאַט די אויסבעסערונג פון דער אַרבעטס־אָרגאַניזאַציע און די ראַציאָנאַליזאַציע און דערפינדערישקייט פון די אַרבעטער און טעכנישן פּערסאָנאַל. בלויז אין פאַרגאַנגענעם יאָר 1954 זענען אַרײַנגעפלאָסן 800 ראַציאָנאַליזאַטאָרישע פאָרשלאָגן, פון וועלכע 380 ווערן שוין אָנגעווענדעט אין דער פּראָדוקציע.

אין דער צאָל רעאַליזירטע פאָרשלאָגן זענען פאַראַן אויך עליעס. אויף דער פייערלעכער אַקאַדעמיע איז מאַריליע געווען גליקלעך צו הערן, ווי מען דערמאָנט אים, ווי מען דריקט אים אויס אָנערקענונג פאַרן צושטייער אין די דערגרייכונגען פון די ווערפן.

קינדער- און יוגנט-יאָרן אָן גליק און פרייד

עליע ווישניאַק האָט געהאַט אַ שווערע קינדהייט און נישט קיין לייכטע יוגנט. נאָך פרי האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן. מער ווי 6 קלאַסן „פּאָווישעכנע“ האָט ער נישט באַוויזן צו ענדיקן און געמוזט גיין טערמינעווען ביי גאָלדמאַנען דעם סטאָליער-מייסטער. שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין אַנדערע סטאָליעריי-וואַרשטאַטן פון וואָלאָצלאַוועק, אָבער קיין איינעם פון זיי האָט ער נישט ליב געהאַט. די אַרבעט איז פאַר אים געווען אַ שווערע לאַסט, אַן אָפּקומעניש. ער איז געווען אַ שוואַך יאַטל מיט שמאָלע פּלייצעס און איינגעפאַלענע באַקן. דער שווערער הובל פלעגט אים אַרויסציען די גאַנצע קראַפט פון די ביינער. אָפטמאָל, ווען ס׳פלעגט אַרויסגעענדיקט ווערן אַן אָזשעכאָווע סיפּיאַלקע אָדער סטאָלאָווע, און דאָס בלאַנקענדיקע מעבל פלעגט שטיין, פונקט ווי אויף אַ וויסטאַווע, פלעגט עליען קומען אויפן זינען די ווערטער פון פּרצעס „דריי נייטאָרנס“:

„איך ניי ביי טאָג, איך ניי ביי נאַכט — וואָס קומט אַרויס, אַז איך ניי...“

וואָס האָט עליע געהאַט פון זיין אַרבעט?

נאָכן שווערן טאָג אַרבעט פלעגט עליע גיין אַהיים אויף קרולעוויעצקע-גאַס. די פיס פלעגן זיך אים פּלאָנטערן פון פאַרמאַטערטקייט. ער פלעגט פאַרבייגיין די בודקע, וווּ דער טאַטע האָט געהאַט דעם האָלץ-טאָקעריי-וואַרשטאַט, אַריינגיין אין הויף און זיך לאָזן רעכטס צו דער וווינונג, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ בנין ענלעך צו אַ שאָפע. די וווינונג איז באַשטאַנען פון אַ נישט גרויסן צימער מיט איין פענצטער אויפן הויף אַרויס; לינקס פון אַריינגאַנג, ביי דער וואַנט, איז געשטאַנען אַ האַנטפאַס מיט אַ שיסל, דערנעבן אַ קיך-קרעדענס, וועלכער האָט נאָך געדענקט די רעוואָלוציע פון יאָר 1905; ווייטער, צווישן קרעדענס און דער פּליטע, וועלכע האָט פאַרנומען דעם ווינקל ביי ביידע ווענט, איז געשטאַנען אַ בלעכענער באַק אויף וואַסער. נישט ווייט פון דער פּליטע איז געשטאַנען אַן אייזערן אייוועלע, אַ ביסל אָפּגערוקט פון אייוועלע — אַ קאָזעטקע. ביי דער דריטער וואַנט זענען געשטאַנען 2 גרויסע בעטן, וואָס האָבן פאַרנומען אַ האַלבן צימער אין דער טיף.

צווישן קרעדענס און די בעטן איז געשטאַנען אַ ברייטער טיש, וואָס האָט בײנאַכט געדינט צום שלאָפן פאַר צוויי שוועסטער, און עטלעכע צעפאָרענע שטולן. אַזאַ איז געווען דאָס פאַרמעגן פון דער משפּחה ווישניאַק, וועלכע איז באַשטאַנען פון 9 פּער־זאָן: 4 זין, 3 טעכטער און טאַטע־מאַמע. די פּראָנטאָווע וואַנט איז געווען נישט באַ־שטעלט, און דער צוטריט צום פענצטער אַ פרייער.

עליעס פאָטער, יוסף ווישניאַק, איז געווען אַ ייד אַ פּשוטער. קיין בילדונג האָט ער כמעט אינגאַנצן נישט געהאַט, די קינדער האָט ער אָבער געוואָלט מאַכן פאַר לייט און האָט געזאָרגט, אַז יעדער זאָל כאָטש ענדיקן אַ „פּאָווסעכנע״ שול. געקאָסט האָט עס אים פיל אָנשטרענגונגען און געזונט, ער האָט אָבער זיינס אויס־געפירט.

דאָס זענען געווען שווערע יאָרן. די משפּחה איז געוואַקסן, און די גאַנצע לאַסט פון פּרנסה איז דערוויי׳ל געפאַלן בלויז אויף אים. האָט ער געדרייט די פּיס־טאַקאַרניע פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט און האָט קוים פאַרדינט אויף דירה־געלט, שטייערן און א דאַר שטיקל ברויט צו די פּאָסטנע קאַרטאָפליעס. ווען דער עלטערער זון הערש האָט געענדיקט די שול איז שוין עליע געגאַנגען אין 3־טן קלאַס. פיל האָפענונגען האָט דער טאַטע פאַרבונדן מיטן טאָג, ווען הערש וועט ענדיקן דאָס לערנען און וועט צוטרעטן אַרבעטן אין וואַרשטאַט צוזאַמען מיט אים. סוף יוני 1929 איז געקומען דער לאַנג דערוואַרטער טאָג, אָבער די מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך ביי די ווישניאַקס ווינציק וואָס געביטן. די סטאָליער־מייסטער, וועלכע האָבן ווישניאַקן געגעבן די באַשטעלונגען, האָבן אים אָנגעהויבן צו דריקן. אייניקע האָבן נישט אויסגעהאַלטן די קאָנקורענץ און פאַרמאַכט די וואַרשטאַטן. בלייבנדיק שולדיק ווישניאַקן פאַר וואָכן אַרבעט, אַנדערע האָבן פאַרקלענערט די פּראָדוקציע און במילא אויך די באַשטעלונגען. די מייסטער דאַקעגן, וואָס האָבן פּראָבפּעררירט, האָבן אָנגעהויבן צאָלן מיט וועקסעלער. וואָס ווייטער איז אַלץ שווערער געווען צו זען אַ מזומנעם גראָשן. די פּרייזן פאַר דער אַרבעט זענען אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט אַראָפּגעדריקט געוואָרן כמעט ביז אַ העלפט. דער טאַטע מיטן זון האָבן געאַרבעט און ס׳האָט נישט געקלעקט אויף דאָס מינ־דעסטע. קריזיס — דאָס דאָזיקע וואָרט האָט זיך אַלץ אָפטער אָפּגעשלאָגן אין עליעס אויערן און ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז עפּעס אַ ריזיק באַשע־פעניש, וואָס האַלט אין איין פרעסן, און דעריבער קלעקט נישט קיין ברויט, דערי־בער מוז ער אָפּטמאָל גיין אַ הונגעריקער אין שול.

מלכה, עליעס עלטערע שוועסטער, איז אַוועק פון שטוב זיך ניאַנטשען מיט ־יער טאָכטער פון טאַבאַק־הורטאָווניק און גאַלאַנטעריע־פאַבריקאַנט. געהייסן האָט עס קאָרעפּעטיציעס. די צווייטע שוועסטער, בינע, האָט זיך אויך פאַרנומען מיט פרעמדע קינדער.

עליע האָט נישט געענדיקט די שול. ער האָט געמוזט אוועקגיין זיך לערנען אַן אַרבעט. צו דעם אויספיר איז געקומען נישט נאָר דער טאַטע מיט דער מאַמען, נאָר אויך עליע אַליין: וואָס קומט אַרויס הערשן, אַז ער האָט יאָ געענדיקט 7 קלאַסן, דרייט ער זיך נישט אַרום ליידיק? אין יאָר 1934 טרעפט עליע אויף דער לער צו גאָלדמאַנען דעם סטאָליער־מייסטער פון כמיעלנע־גאַס נומ. 1.

אין וואַרשטאַט זענען אויסער עליען געווען 3 אַרבעטער: מאַטשעי — אַ יונ־גער פוילישער בחור, דער בלינדער אַליעק — ער האָט געזען בלויז אויף איין אויג — אַן אַרבעטער שוין אין די מיטעלע יאָרן, און שמעון פייערשטיין — אַ יונ־גער בחור פון אַ יאָר 22—23. עליע האָט נישט איבעריק גוט געטראָפן מיטן מייס־טער, דערפאַר האָט ער אָבער געטראָפן מיט די אַרבעטער. זיי האָבן אים אַריינ־גענומען אין דער משפחה. באַזונדערס איז אים געפעלן געוואָרן פייערשטיין, דער שטילער, שטענדיק באַהערשטער, וואָס האָט נישט פאַרטראָגן קיין עוולות. עליע האָט זיך צו אים צוגעבונדן, האָט אים ליב באַקומען.

פון די געשפּרעכן, וואָס אַליעק פלעגט פירן מיט פייערשטיינען, פלעגט עליע זיך דערוויסן פיל אינטערעסאַנטע זאַכן: וועגן דעם העלדישן פירחדשימדיקן אַל־געמיינעם שטרייק פון די ביאַליסטאָקער טעקסטיל־אַרבעטער, וועגן די צוויי יונגע אַרבעטער, וואָס זענען דורך דער פּאָליציי דערשאָסן געוואָרן בעתן מיטינג אין סופּראַסלע נעבן ביאַליסטאָק שוין נאָכן אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך.

אַליעק פלעגט ליב האָבן צו דערציילן וועגן פראַנקרייך, וווּ ער האָט געהאַט אַ לייבלעכן ברודער. „כמעט אַ האַלבער מיליאָן מענטשן, — האָט ער איינמאָל פאַרענדיקט זיין דערציילונג, — זענען אַרויס אויף די פּאַריזער גאַסן און האָבן פאַרטריבן די פאַשיסטן. צווישן דעם האַלבן מיליאָן איז געווען מיין ברודער“, — האָט ער אונטערגעשטראָכן מיט שטאָלץ.

אינגאַנצן אַן אַנדערער איז געווען מאַטשעי. דאָס איז געווען אַן אַרומלויפער, אַ ווינט. צו דער אַרבעט פויל, אָבער די נאָז האָט ער געטראָגן הויך פאַרריסן. נישט איינמאָל האָט אים מאַטשעי געפּרוווט פאַרטשעפּען, ס'איז אָבער גענוג געווען אַליעקס בליק, אַז ער זאָל גיין אויף זיין אָרט. עליע האָט באַמערקט, אַז ווען מאַטשעי קומט אַריין אין וואַרשטאַט, ווערן איבערגעריסן די שמועסן. איינמאָל האָט אַליעק געזאָגט צו פייערשטיינען: „מאַטשעי איז אַן אַקטיווער כאַדעק“, נאָר עליע האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַדייט. ער וואָלט גערן געפרעגט, ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט.

גאָלדמאַן דער באַלעבאָס איז געווען פון הויכן וווּקס, ער האָט געהאַט שמאָלע ביינערדיקע פּלייצעס מיט אַ פּאָר לאַנגע געזונטע הענט. אָבער געאַרבעט האָט ער ווייניק, ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף די מענטשן. זיין פּנים, אַן אויסגעצויגנס, מיט אַרויסשטאַרטשענדיקע ברייטע קינבאַקן, האָט אים ענלעך געמאַכט צו אַ מאַנגאָל

אָדער מאָטער. אין וואַרשטאַט איז גאָלדמאַן געווען וויניק. קומען פלעגט ער, כדי אונטערצוזאָגן די אַרבעט אָדער אויספּועלן מיט גוטע ריידעלעך, אַז מ'זאָל זיך נישט רעכענען מיט די 30—40 מינוט לענגער און אַרויסענדיקן אינגאַנצן דאָס שטיקל אַרבעט, ווייל דער קונה וואַרט.

צו עליען האָט ער זיך באַצויגן, ווי אַלע מייסטערס צו זייערע לערנייִנגלעך אין יענער צייט, און עליע וואָלט זיכער אָפּגעטערמינעוועט די צוויי אָפּגערעדטע יאָרן אַלס שיקייִנגל, ווען פייערשטיין מיט אָליעקן וואָלטן אים נישט גענומען אונטער זייער אויפֿזיכט. עליע געדענקט, ווי איינמאָל איז די באַלעבאָסטע אַרײַנגעקומען אין וואַרשטאַט און אים גערופֿן צו גיין מיט איר אויפֿן מאַרק. פייערשטיין האָט זיך דאַן אָפּגערופֿן צו איר: „ער קאָן נישט גיין, ער מוז מיר העלפֿן אַרבעטן. אויב נישט, וועט דאָס מעבל נישט זיין פאַרטיק צו דער צייט". זי האָט אויף אים בייז אַ קוק געטאָן און אַוועק. צו עליען האָט ער געזאָגט: „געוויין זיי בעסער נישט צו, דו ביסט דאָך נישט געקומען אַלס שיקייִנגל". „לאָז זיך נישט אויסנוצן", — האָט צוגעגעבן אָליעק.

ס'איז אַדורך אַ יאָר. אונטער פייערשטיינס אויפֿזיכט איז עליע געוואָרן אַ שטיקל פאַכמאַן. געאַרבעט האָט ער מיט אַמביציע, וועלכע האָט ווייט איבערגעשטיגן זיינע פיזישע מעגלעכקייטן. ער האָט דווקא געוואָלט אָניאָגן די עלטערע אַרבעטער, מאַכן נישט ווינציקער און נישט ערגער די אַרבעט פון זיי. דער סוף פלעגט אָבער זיין, אַז ער פלעגט פאַלן פון די כוחות און קוים דערשלעפּן דעם טאָג ביז פייעראַנט. ער האָט אָבער נישט רעזיגנירט. ער האָט געוואָלט ווייזן דעם מייסטער, אַז ער איז שוי' אויך עפּעס ווערט — פיל מער, ווי די 50 גראָשן שבת־געלט.

גאָלדמאַן האָט זיך געמאַכט נישט באַמערקן עליעס פאָרשריטן אין דער אַרבעט. פאַרקערט, וואָס ווייטער איז דער מייסטער אַלץ קאַרגער געוואָרן אויף אַ גוט וואָרט, ער פלעגט שטענדיק אויסזוכן צו וואָס זיך צוצוטשעפּען, מאַכן אים באַמערקונגען און פאָרווורפֿן. נישט איינמאָל האָט זיך עליען געדוכט, אַז דער טאָג, ווען ער וועט אָנהייבן קריגן באַצאָלט, איז נאָך דערווייל אַ טרוים.

אינגאַנצן אַן אַנדער מיינונג האָט וועגן זיין אַרבעט געהאַט פייערשטיין. דער איז געווען צופֿרידן פון זיין תּלמיד און האָט עס גאָרנישט באַהאַלטן. איינמאָל האָט ער אים אפילו געזאָגט: „עליע, דו קאָנסט שוין אַליין נעמען מאַכן אַ פּשוט שטיקל אַרבעט, מיר שיינט, אַז דו וועסט זיך שוין אַן עצה געבן".

אָבער, גיי נעם, — וואָס פאַר אַ נעמער איז ער? גאָלדמאַן דאַרף אים דאָך פריער געבן. דער ווידער יאָגט זיך נישט, ער האָט דאָך אַ טערמין 2 יאָר.

איינמאָל האָט עליע באַקומען אַ שווערע אַרבעט, ער האָט באַדאַרפט צונויפֿשטעלן אַ דעמבענע שאַפע. די טיילן מוזן פּרעציז צוגעפּאַסט ווערן, מען דאַרף פיל מאָל מעסטן, צופּאַסן, אָנצייכענען. דאָס שלעפּן די שווערע דעמבענע טיילן

האָט שוין באַלד אויסגעזויגן דעם גאַנצן כּוח פון זיינע שוואַכע מוסקולן. ער ווישט זיך דעם שווייס פון שטערן מיטן פאַרשטויבטן אַרבל און זעצט זיך אַוועק אָפּרוען.

— שווער? — גיט אַ פרעג פייערשטיין.

— יאָ! שטאַרק שווער, — ענטפערט עליע פאַרשעמט.

פייערשטיין זעצט זיך נעבן עליען, לייגט אים פאַטערלעך אַרויף די האַנט אויפן אַקסל און רופט זיך אָפּ מיט זיין געלאַסענער מילדער שטימע:

— זאָג נאָר, ווער יאָגט דיך? פון דעם פלעשל טיי מיטן ביסן ברויט, וואָס דו האָסט איינגעגעסן בעתן איבעררייס, קאָנסטו נישט האָבן גענוג כּוחות, און דו איילסט זיך, פונקט ווי דו וואָלסט מורא געהאַט, אַז דער טאָג וועט דיר אַנטלויפן. צום סוף, זעסטו דאָך, אַנטלויפן גאָר פון דיר די כּוחות. מען טאָר נישט אַזוי, וועסט פטרן דאָס געזונט. איך מיט אָליעקן האַלטן, אַז דער מייסטער דאַרף דיר שוין צאָלן, ביסט שוין אַ פאַכמאַן, מיר וועלן דיר אונטערשטיצן. וועסט נישט פאַרלירן, ווייסטו אַפילו איבעראַיאַר אויך קיין געלט נישט באַקומען.

עליע גייט פון דער אַרבעט אַ פאַרטראַכטער. צי זעט נישט גאָלדמאַן, ווי ער סטאַרעט זיך, צי זעט ער נישט, אַז ער מאַכט שוין אַליין כּמעט אַלע אַרבעטן, צו דער קעשענע כאַפּט ער זיך נישט. פאַרקערט, ער טשעפּעט זיך, צי ס'איז דאָ, צי ס'איז נישטאָ פאַרוואָס. פאָדערן דאַרף מען, פאָדערן...

עליע גייט נישט גלייך אַהיים, ער גייט אַריין אין טאַטנס וואַרשטאַט זיך מישב זיין. אָבער דער טאַטע מיט הערשן זענען פאַרנומען. עליע באַטראַכט, ווי דער טאַטע טאַקט אַ פוס צו אַ טיש און אַנטציקט זיך מיט זיינע געניטע באַוועגונגען און מיט דער שיינקייט פון דער פאַרטיקער אַרבעט, וועלכע ווערט אויסגעפירט מיט אַזעלכע פרימיטיווע מכשירים. ער קאָן זיך אָבער נישט דערוואַרטן, ס'קלעפּן זיך אים די אויגן פון פאַרמאַטערטקייט.

דאָס געשפּרעך איז פאָרגעקומען שוין שפּעט אין אָוונט. די מיינונגען זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. „ס'איז אַן אָפּגערעדטער טערמין, — האָט געטענהט דער טאַטער, — מיר זענען דאָך עפּעס וואָרטס־מענטשן, עס פּאַסט אפשר נישט". הערש, דאַקעגן, האָט געהאַלטן, אַז גערעכט איז פייערשטיין: „וואָס מען רייסט ביי זיי נישט אַרוים, ביי אָט די פּיאַווקעס, האָט מען נישט, זיי רעכענען זיך דען מיט מענטשן?" בינע האָט אונטערגעהאַלטן הערשן: „שוין צייט, ער זאָל צאָלן, שוין באַלד אַנדערהאַלבן יאָר, ווי ער האָרעוועט פאַר אים אָן אַ גראָשן געלט. וואָס האָט ער צו פאַרלירן — די 50 גראָשן שבת־געלט?"

עליען האָט באַאומרואיקט דאָס פאָרשטייענדיקע געשפּרעך מיט גאָלדמאַנען, און ער האָט געזוכט אַ פּאַסיקע מינוט. דערווייל איז געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג אין שווערער אַרבעט. אין די טעג האָט עליע נישט נאָר זיך באַמיט צו אַרבעטן וואָס בעסער, כּדי גאָלדמאַן זאָל צו אים קיין טענות נישט האָבן, ער האָט אויך

געטראַכט, ווי זיך לייכטער צו מאַכן די אַרבעט. שוין אַ פּאָר טעג, ווי עליע טראָגט זיך אַרום מיט אַ געדאַנק און האָט מורא וועגן אים צו רעדן אַפילו מיט פייערשטיינען, כדי זיך נישט אויסצושטעלן אויף לייטיש געלעכטער: ער, אַ לערנייִנגל, וועט גיין איבעראַנדערשן דעם גאַנג פון דער אַרבעט! אָבער פייערשטיין, הערנדיק עליען, האָט נישט געלאַכט, ער איז געווען ערנסט, ווי שטענדיק, און דער ענטפער זיינער איז געווען אַ קורצער: „ס'איז גוט, פּרוּוו!“ וואָס האָט עליע געדאַרפט פּרוּוון? אין גרונט גענומען אַ קלייניקייט: זייענדיק ביים פאָטער אין וואַרשטאַט, האָט עליע געזען, ווי אָנשטאָט צו מעסטן און אָנצייכענען יעדע דעטאַל באַזונדער, נעמט ער אַ לייסטל, אויף וועלכן עס זענען פאַראַן אַ ריי אָנשניטן, און לויט זיי פירט ער אויס די דעטאַלן. איצט האָט עליע געדאַרפט מאַכן אַ לייסטל, וואָס זאָל אים דערלויבן פּינקטלעך אָנצוצייכענען די שליסונגען פון די פאַרשידענע שווערע טיילן פון דער שאַפע, ער זאָל זיי פאַרשפּאָרן צו שלעפּן און פּאַסן איינע צו דער אַנדערער און גלייכצייטיק זיין זיכער, אַז ס'וועט שטימען. ס'האָט זיך אים איינגעגעבן. די אַרבעט איז אים פיל לייכטער און באַקוועמער געוואָרן.

אָבער זיין פרייד האָט קורץ געדויערט. ווען גאָלדמאַן האָט דערזען זיין נייעם אַרבעטס־מעטאָד, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן גרימצאָרן און האָט געמאַכט אַ וויסטן טומל: — ביי מיר אין וואַרשטאַט בין איך באַלעבאָס, אַרבעטן וועסטו, ווי איך הייס און נישט ווי דיר ווילט זיך!

עליע איז געשטאַנען אַ דערשיטערטער. זיין שכל האָט נישט באַנומען, וואָס דער מייסטער וויל, פאַרוואָס ער שרייט און בייזערט זיך. איבערגעפירט האָט ער דאָך גאָרנישט, טייערער קאָסט דאָס אים אויך נישט, פאַרדריסט אים דען, וואָס מיר איז לייכטער? יענעם טאָג האָט עליע אויך נישט גערעדט וועגן צאָלן, ס'האָט זיך אים נישט געוואָלט אַרויסרופן אַ נייעם שטורעם, כאָטש ער האָט אַרויסגעפילט, אַז פון גאָלדמאַנס זייט איז עס בלויז אַן אָנשטעל, אַז ער וויל בלויז קינסטלעך איינהאַלטן די דיסטאַנץ צווישן אים און די איבעריקע אַרבעטער, כדי אים טאַקע וואָס שפּעטער אָנהייבן צאָלן.

ס'איז אָנגעקומען די מינוט פון געשפּרעך. עליען האָט זיך געפּלאָנטערט די צונג. ער האָט געזוכט פּאַסיקע ווערטער. גאָלדמאַן האָט זיך פון אים אויסגעלאַכט:
„ערשטנס, — האָט ער אים געענטפערט, — ביסטו נאָך אַ קנאַפּער פּאַכמאַן; צווייטנס, — וועגן געלט דאַרף איך רעדן מיט דיין טאַטן, דו ביסט נאָך אַ יינגל; און דריטנס, — איז דער טערמין נאָכנישט געענדיקט, מען דאַרף האַלטן וואָרט“.

אויף מאָרגן, ווען פייערשטיין מיט באַליעקן האָבן זיך דערוווּסט וועגן געשפּרעך, איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז עליע פּאָדערט 10 זל. אַ וואָך, אויב דער מייסטער וועט זיך קעגנשטעלן, וועט מען באַטראַכטן די פאָרם פון אַ געמיינזאַמער

אַקציע. „האַלט זיך פעסט, — האָט אים באַליעק צוגעגעבן מוט, — איצט האָט ער אַ גרויסע באַשטעלונג“.

גאָלדמאַן האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דער פאָדערונג פון פייערשטיינען, אַלס דעלעגאַט פון די אַרבעטער. צוויישנס, האָט עליען געוואָלט צונעמען צו דער אַרבעט אַן אַנדער מייסטער — ראָטשטיין, מיט אַ געהאַלט פון 10 זלאָטעס אַ וואָך. נאָך לאַנגע דינגעניש, נאָך אינטערווענצן ביים פאָטער איז עליע מיטן הסכם פון פייערשטיינען איינגעגאַנגען אויף אַ געהאַלט פון 8 זלאָטעס אַ וואָך. דער ערשטער קאַמף איז געווונען געוואָרן. יענער טאָג איז געווען אַ יום־טוב ביי דער משפחה ווישניאַק. צום הונגער־בודזשעט איז צוגעקומען אַ זלאָטע אַ טאָג. איצט האָט עליע שוין געמעגט מאַכן וויפל לייסטלעך ער וויל, און גאָלדמאַן אַליין האָט זיך מיט זיי אָנגעהויבן צו באַנוצן.

ס'איז געווען אין אַ שבתדיקן טאָג פרילינג 1936. דער טאָג וואָלט, פונקט ווי הונדערטער ענלעכע צו אים, נישט פאַרבליבן אין עליעס זכרון, ווען נישט דער פאַקט, וואָס פייערשטיין האָט אים בעת דער אַרבעט שטיל אַ זאָג געטאָן: „עליע, מיט דיר וויל זיך טרעפן מאָטעק יאַכימאָוויטש. ער וועט וואַרטן אויף דיר 10 אַזייגער אין אָוונט נעבן דער אַפטייק ביים גריגעם מאַרק“.

עליע איז געווען שטאַרק פאַראינטריגירט. מאָטעקן האָט ער געקענט, כאָטש ער האָט זיך מיט אים ספּעציעל נישט געחברט, וואָרן ווער וועמען קען נישט אין דער „גרויסער“ שטאָט וולאָצלאַוועק. ער וויל מיט אים רעדן, האָט ער דאָך געקאָנט קומען און פאַרטיק, צו וואָס עפּעס 10 ביינאַכט? אָבער קיין איבעריקע פראַגן האָט ער פייערשטיינען נישט געשטעלט. דער ענטפער איז געווען אַ קורצער: גוט.

צו דער באַשטימטער צייט איז עליע געווען ביי דער אַפטייק. מאָטעקן האָט ער קוים דערקענט אין דער גרויער קורטקע מיטן היטל אויפן קאָפּ. זיי האָבן אַוועק־געשפּאַצירט וויים פון צענטער שטאָט. פון אָנהייב האָט זיך מאָטעק אויסגעפרעגט וועגן זיין אַרבעט אין וואַרשטאַט, שפּעטער האָבן זיי געשמועסט וועגן שווערן לעבן פון דער יוגנט אין פּוילן. נאָכדעם האָט מאָטעק אים דערציילט פיל אינטערעסאַנטע זאַכן פון לעבן פון דער סאָוויעטישער יוגנט. צום סוף האָט ער אים פאָרגעלייגט איבערצולייענען גאָרקיס „די מוטער“, פ. גלאַדקאָווס „צעמענט“ און אַנד. ביכער. דאָס געשפּרעך האָט אויף עליען געמאַכט אַן איינדרוק, מאָטעק האָט אים איבער־ראַשט מיט זיין וויסן, און ער האָט דערזען זיין אייגענע אָפּגעשטאַנענקייט. אונטער מאָטעקס איינפלוס האָט ער אָנגעהויבן אַריינקומען אין לייענזאַל אויף טאָרונסקי־גאַס. נאָך עטלעכע וואָכן טרעפונגען האָט מאָטעק פאָרגעלייגט עליען אַריינצוטרעטן אין „פיאָנער“. פאַר עליען איז דאָס נישט געווען קיין איבערראַשונג. מאָטעק האָט

אים איז פאַרלויף פון דער צייט צו דעם צוגעגרייט. עליע האָט מסכים געווען צו ווער: אַ פּיאָנער — אַ מיטגליד פון קאָמוניסטישן קינדער־פאַרבאַנד.

אין אַ זוניקן זונטיק האָט זיך עליע אַוועקגעלאָזן הינטער דער שטאָט, צום וואַלד, ווו ער האָט געדאַרפט אָנטיילנעמען אין דער ערשטער פאַרזאַמלונג פון „פּיאָנער". ער איז געגאַנגען אַ פאַרטראַכטער. דער וועג, וועלכן ער האָט זיך אויס־געקליבן, איז נישט קיין לייכטער. דערווייל איז ער נאָך נישט געבונדן מיט גאָר־נישט און מיט קיינעם און קאָן זיך צוריקציען, זיך נישט מישן און פאַרטיק. אָבער אַן אינעווייניקסטער כוח האָט אים געשטויסן פאָרויס, אַ קראַפט, וועלכער ער האָט נאָך אַליין נישט פאַרשטאַנען.

אין וואַלד האָט עליע געטראָפן אַ סך באַקאַנטע פון דער שולע, הויפּטזעכלעך אַרבעטנדיקע יוגנט. עס איז געווען גאַנץ פריילעך, די צייט איז געלאָפן אין זאָרג־לאָזע שפּילערייען. צום סוף זענען זיך אַלע צונויפגעקומען צוזאַמען. די פאַר־זאַמלונג האָט געדויערט קורץ, אַלס סעקרעטאַר פון קעמערל איז אויסגעקליבן געוואָרן העניע פּלוימענבוים. דער אַרבעטס־פּלאַן, וואָס איז צונויפגעשטעלט גע־וואָרן, האָט פאָרויסגעזען קאָלעקטיווע שולונג און זעלבסטבילדונג. עליעס לעבן האָט זינט דאַן באַקומען אַן אַנדער אינהאַלט.

זינט דעם יאָר 1935, ווען עס זענען דורך דער סאַנאַציע דורכגעפירט געוואָרן די טרויעריק באַרימטע פאַשיסטישע סיים־וואַלן, אין וועלכע עס האָבן אָנטייל־גענומען קוים 45 פּראָצענט וויילער, און ס'איז אָנגעוואָרפן געוואָרן די פאַשיסטישע קאָנסטיטוציע, האָט אין וואָצלאַוועק געקאָכט ווי אין אַ קעסל. יעדעס מאָל פלעגט ע״געץ אויסברעכן אַ שטרייק. די אַרבעטער האָבן זיך עקשנותדיק פאַרטיידיקט קעגן די אָנגריפן פון די אונטערנעמער אויף זייערע אַזוי אויך קלאָגעדיקע לוינען. נאָך יעדן שטרייק זענען געקומען אַרעסטן און אורטיילן אויף לאַנגע יאָרן תפיסה. אין איינעם אַ טאָג איז אַרעסטירט געוואָרן פייערשטיין. ווען זיין אַרעסט האָט זיך עליע דערוווּסט אין דער פרי, ווען ער איז געקומען צו דער אַרבעט. באַליעק איז אַרומגעגאַנגען אַזוי ווי אַ פאַרסמטער, אַ פאַרשלאָסענער אין זיך. דער ווייטיק איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים. עליע האָט דעם קלאַפּ איבערגעלעבט נאָך שווערער. די הענט האָבן זיך אים אײנגעגאַנצן נישט געלייגט צו דער אַרבעט. מאָדנע פּוסט איז איצט געוואָרן אין וואַרשטאַט. איין מאָטשעי איז געווען גלייכגילטיק, ער האָט זיך בלויז געוווּנדערט, געהויבן מיט די אַקסלען: שימעק האָט דאָך אויס־געזען צו זיין אַן ערלעכער מענטש, קיין מאָסקווער אַגענט איז ער מסתמא אויך נישט — טאָ פאַרוואָס האָט מען אים אַרעסטירט?

אויך גאָלדמאַן איז לעצטנס געוואָרן האָפערדיקער, ער איז בייזער ווי שטענ־דיק, באָטש די אַרבעט אין וואַרשטאַט דויערט לענגער, און קיינעם פון די אַרבע־טער האָט ער אַ גראָשן נישט געהעכערט אויפן געהאַלט. ער ווייסט, אַז די פּרייזן

אויף אַרטיקלען פון ערשטן געברויך שטייגן כסדר, אַז דאָס לעבן איז שווערער געוואָרן, דער ביסן ברויט קלענער, און ער פילט אַרויס, אַז דער בעסטער מיטל פון פאַרטיידיקונג איז אַטאַקירן. דאָ דערציילט ער, אַז דאָס געשעפט טראָגט נישט, דאָ טשעפּעט ער זיך סתם צו די אַרבעטער, צו זייער אַרבעט. איינמאָל איז ער צוגעשטאַנען צו עליען: זע נאַר! זע נאָר! ווי ער שניידט, אַ נישט גוטקייט כאַפּט אָן, אַ קערעניש!

אַ צווייט מאָל האָט ער זיך צעשריען אויף אַלע אַרבעטער: „וואָס איז אייער דאגה פּאָליטיק? טאָמער דאַרף מען אונטעראַרבעטן נאָך אַ פּאָר מינוט איז אַ טראַגעדיע. ס'ווילט זיך אייך דווקא האָבן שמועגס סוף?“

די אַטמאָספער איז וואָס ווייטער אָנגעשטרענגטער געוואָרן, די אַרבעטער האָבן זיך געגרייט צום אָנגריף. די ערשטע זענען אַרויס אין קאַמף די טאַרטאַקאַרבעטער, נאָך זיי די מעטאַלאָוצעס, ס'איז געקומען די צייט אויף די סטאָליער.

אָנהייב 1937 האָט זיך געענדיקט עליעס אָנגעהעריקייט צום „פּיאָנער“, און ער איז אָנגענומען געוואָרן אין פּוילישן קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד ק.ז.מ.פּ.

די ערשטע אַרבעט, וואָס עליע האָט געהאַט צום אויספירן, איז געווען צוזאַמען מיט אַנדערע צוגרייטן דעם אַלגעמיינעם שטרייק פון די סטאָליער־אַרבעטער. עליע האָט זיך מיט ברען אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. די סטאָליער זענען געווען צעוואָרפן איבער דער גאַנצער שטאָט אין צענדליקער וואַרשטאַטן. די דאָזיקע צעברעקלטקייט האָט שטאַרק באַשווערט דאָס אָרגאַניזירן די אַקציע. מען האָט געמוזט שמועסן מיט יעדן איינעם באַזונדער, ביז וואַנען עס איז געלונגען צונויפצוקלייבן די ווייט גרעסטע מערהייט סטאָליער־אַרבעטער אין כאַדעקיטן פאַריין (זזז). דאָ, אויף דער פאַרזאַמלונג, איז געפאַלן דער באַשלוס פון שטרייק. צו די מייסטערס זענען אַרויסגערוקט געוואָרן אַ ריי פאָדערונגען, ווי אָפּהיטן דעם 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, העכערן די לוינען, סאָציאַלע פאַרזיכערונג, אירלויבן אא. אָבער נישט אַלע וואַרשטאַטן זענען גלייך צוגעטראָטן צום שטרייק. עליע איז איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון די צענטלער, וואָס גייען פון וואַרשטאַט צו וואַרשטאַט, קאָנטראָלירן און נעמען אַראָפּ פון דער אַרבעט. דער שטרייק האָט אַרומגענומען אַלע וואַרשטאַטן. די מייסטערס האָבן אין אָנהייב נישט געוואָלט נאָכגעבן, נישט געגאַנגען אויף קיין אונטערהאַנדלונגען, אָבער ווען די פּרוון אָפּצושרעקן די שטרייקנדיקע מיט רעפּרעסיעס, מיט צונעמען שטרייקברעכער, מיט פּאָליציי, וואָס איז געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, כדי אָפּצושרעקן די שטרייקערס, האָבן נישט געהאָלפן, האָבן זיי זיך געזעצט צום טיש. און כאָטש די כאַדעקישע אָנפירונג האָט פאַרענדיקט דעם שטרייק קעגן ווילן פון די אַרבעטער, נישט דערגרייכנדיק קיין פולע באַפרידיקונג פון די פאָדערונגען, האָבן דאָך די ערשטע קאַטעגאָריע סטאָליער באַקומען אַן הוספה פון 15 גראָשן אַ שעה, די צווייטע — 10 גראָשן

אַ שעה און די דריטע — 5 גראָשן אַ שעה. די מייסטערס האָבן געמוזט אָנערקענען דעם פּאַריין און האָבן זיך פאַרפליכטעט אָן אים נישט צו מאַכן קיין שום פּערסאָנעלע ענדערונגען. דאָס איז געווען אַ באַדייטנדיקער נצחון פון די אַרבעטער.

גאָלדמאַן האָט געקוקט אויף עליען מיט אַ וואָלפישן בליק, באָטש געריידט האָט ער גאָרנישט. עליע ווידער איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס, וואָס דער פּאָליציאַנט איז צוויי מאָל געקומען צו אים אַהיים און זיך געפרעגט אויף אים, איז אינספּירירט געוואָרן דורך גאָלדמאַנען. עליע איז דעריבער געווען זייער צופרידן, ווען גאָנטאַזש האָט אים פאָרגעלייגט, אַז ער זאָל צו אים גיין אַרבעטן, בפרט נאָך, אַז ביי גאָנטאַזשן האָט ער גלייך פאַרדינט דאָפּלט. דערצו איז גאָנטאַזש אַן אייגענער מענטש, וועלכער וועט אים נישט שטערן אין זיין טעטיקייט.

עס האָט זיך דערנעענטערט דער 1=טער מאי פון יאָר 1937. ס'איז געווען אַ פינצטערע נאַכט. אויף קרולעוויעצקע=גאַס האָט ווו נישט ווו געברענט אַ לאַמטערן, וואַרפנדיק אַ שוואַכע ליכט אַרום. ס'איז נאָך 11 אַזייגער. עליע גייט אין די גרויע אַרבעטס=זאַכן, דערנעבן גייט „יעזשי“ — אַדאַם פוקס, פון פראָנט האַלט וואַך „ליאַלקאַ“ — העניע פלוימענבוים. פון הינטן גייט אַכטונג „קאָלאָרזשעי“ — יאָסעק קאָוואַדלאָ. אַלע גייט לויטן איינגעשטעלטן פּלאַן. יעזשי גייט צ שטיר מיטן בערשטל, „אָטטאָ“ — עליע לייגט צו דעם אויפרוף, און זיי גייען ווייטער. ס'דויערט געציילטע סעקונדן. דאָס האַרץ קלאַפּט אים שוין נישט אַזוי ווי דאַן, ווען ער האָט עס געטאָן צום ערשטן מאָל. אַפילו ווען מען טרעפט אָן אַ פּאָליציאַנט, איז אויך נישט שרעקלעך, מען דאַרף זיך נאָר נישט היצן. מיט אַ קאַלטן קאָפּ קאָן מען דעם קלוגסטן אַרויספירן אין פעלד. עליע מיט יאָסעקן גייען גלייך אַנטקעגן דעם פּאָליציאַנט, די אויפרופן און דער קליי זענען פאַרשטעקט אונטער די קורטקעס, זיי רעדן הויך, לאַכן פון עפּעס אַ נאַרישער פּרוי.

אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1937 האָט די גרופּע געליטן אַ דורכפאַל. די תיכף דורכגעפירטע רעוויזיעס האָבן קיין רעזולטאַטן נישט געגעבן. די פאַקטישע באַווייזן זענען געווען 3 בראָשורן, וואָס זענען צוגענומען געוואָרן ביי יעזשין בעתן אַרעסט. געווען איז בלויז איין עדות, אַ יונגערמאַן „אָמטוראָוויעץ“, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף יעזשין, אַז ער האָט אים געגעבן די ביבולע. די גרופּע איז געבראַכט געוואָרן אין דעם ראַגאָוון הויז אויף קאַלושינסקע און פּלאַץ=וואָלנאָשטשי, ווו ס'האָט זיך געפונען די קאַטאָווניע פון דער וואָלאָצלאַוועקער „דעפענסיווע“.

בעת מעשה האָט עליע געוואָלט פּרוון צו אַנטלויפן, ער האָט זיך אָבער באַדעכנט, אַז קעגן אים זענען נישט פאַראַן קיין באַווייזן און ס'וועט אים אפשר אַזוי געלונגען זיך אַרויסצובאַקומען פון זייערע לאַפּעס. ווען עליע איז אַדורך די שוועל פון דער דעפּע און האָט דורכן פענצטער פון קאָרידאָר דערזען דעם האַלבטונקעלן קוואַדראַט פון הויף, אַז אַרומגעשטעלטן מיט די אומעטיקע פאַרקראַ=

מעווטע וועגט, האָט אים דאָס האַרץ שנעלער געגומען קלאַפּן. מען האָט אים אַראָפּגעפירט אין קעלער. דאָ איז געווען אינגאַנצן פינצטער, כאָטש אין דרויסן האָט געשיינט די זון. דאָס פּאַרקראָטעוועטע פענצטער איז פון אויסנווייניק פאַרשטעלט געווען מיט אַן אייזערנעם טאָוול. ס'האָט זיך קוים געזען אַ שמאָל פּאַסיקל בלויער הימל. עליע האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז ס'זענען געקומען שווערע מינוטן אין זיין לעבן, אַז דאָ וועט ער שווער געפּרווט ווערן. ער האָט אָבער באַשלאָסן: וואָס מ'זאָל אים אים נישט זאָגן, וואָס מ'זאָל מיט אים נישט טאָן, וועט ער מענהן איין זאַך: ער ווייסט פון גאָרנישט, ער זיצט צוליב אַ מיספאַרשטענדעניש.

שפּעט ביינאַכט האָט אַ קלאַפּ געטאָן די טיר פון עליעס צעליע. אַ פּאָליציאַנט האָט אים געגומען פירן איבער די טרעפּ און אַריינגעפירט אין עפּעס אַ צימער אויפן 3־טן שטאָק. עליען האָט פּאַרבלענדט דאָס ליכט פון רעפלעקטאָר, וואָס איז געשטאַנען אויפן שרייבטיש, און ער האָט נישט געקאָנט באַמערקן, ווער עס זיצט פון יענער זייט. „זעץ זיך!" — איז געפאַלן אַ באַפעל, וועלכן עליע האָט גלייך אויסגעפירט. פון יענער זייט טיש האָט זיך אָפּגערופן אַ מילדע שטימע, אַ ווייכע ווי פּוטער: „צי קענסטו די יונגעלייט פּוקס און קאָוואַדלאָ?"

עליען קלאַפּט דאָס האַרץ ווי מיט אַ האַמער, אָט, אָט און עס שפּרינגט אַרויס. דאָס ליכט שניידט אין די אויגן ווי מעסערס, ער פּרווט פאַרמאַכן די ווִיעס, אָבער אויך דאַן שוועבן פאַר אים העלע ליכטיקע קרייזן, ס'מישט זיך אים אַזש אין קאָפּ, אָבער ער ענטפערט אָן וואַקלעניש:

— יאָ! איך האָב אמאָל מיט זיי געלערנט אין איין שולע.

— דו מוזט מסתמא וויסן, אַז זיי זיצן אַרעסטירט, דאָס זענען קאָמוניסטן, ביי זיי האָט מען געפונען קאָמוניסטישע ביכולע און זיי טענהן, אַז זיי האָבן עס פון דיר באַקומען.

די פּראָוואָקאַציע איז געניים געוואָרן מיט צו גרויסע שטעך, אַז עליע זאָל זיך נישט כאַפּן, און ער האָט געלאַסן געענטפערט: „דאָס איז נישט מעגלעך, אויב זיי זאָגן אַזוי, זאָגן זיי ליגנס". דאָס ליכט האָט אים געמאַכט טרערן די אויגן.

— דו ביסט נאָך אַ יונגער יאַט, און מיר ווילן דיר קיין שלעכטס נישט טאָן,— האָט זיך ווייטער געצויגן דאָס קול פון יענער זייט, — זאָג נאָר, ווער ס'האָט דיר געגעבן די ביכולע, באַפרייען מיר דיך גלייך.

דער אופן פון אויספאָרשן האָט עליען פאַרפעסטיקט אין דער איבערצייגונג, אַז זיי ווייסן גאָרנישט.

— כ'האָב נישט וואָס צו זאָגן, — האָט ער געענטפערט, — קיינער האָט מיר גאָרנישט געגעבן.

— ווילסט נישט זאָגן מיט גוטן, וועלן מיר פּרוּוון מיט בייזן — באַטראַכט זיך אַ ביסל, — יענער האָט עטוואָס אויסגעדרייט דעם פּראָזשעקטאָר, אויפגע־עפנט אַ זייטיקן שופלאָד און אָנגעהויבן אַרויסנעמען פּאַרשידענע, ענלעך צו כירור־גישע, געצייג.

— איך קען קיינעם נישט, קיינער האָט מיר גאָרנישט געגעבן, — האָט עליע איבערגעחזרט.

— וועלן מיר באַלד זען! — איז יענער אויפגעשפּרונגען פון אָרט: עליע האָט איצט דערקענט ווישיצן — דעם קאָמיסאַר פון דער דעפע. — דו הינטישער זון, ווילסט נישט זאָגן? — און ער האָט אים אַראָפּגעלאָזט צוויי פייערדיקע פּעטש. עליע האָט גלייך דערשפּירט דעם זיסלעך־קלעפּיקן טעם פון בלוט אין מויל.

עס האָט זיך אַן עפן געטאָן די טיר און אין צימער זענען אַריינגעלאָפן צוויי פּאָליציאַנטן. ווישיץ האָט איצט בלויז געקאָמאַנדעוועט. זיי האָבן עליען געכאַפּט פאַר די הענט, אויסגעדרייט אויף הינטן און געגומען ברעכן. עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אַן אַ שיעור קלעפּ. ווען זיי האָבן אים אָפּגעלאָזט, האָט דער קאָמיסאַר אים אַרייגעשריגן אין אויער: „זאָגסט! צי נישט?“ אָבער עליע האָט פאַרביסן די ציין און נישט געענטפערט אַ וואָרט. איצט האָבן זיי אים אומגעשליידערט אויף דער ערד און גענומען שלאָגן אין די פּיענטעס. „רעד!“ — דאָס וואָרט האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין זיינע אויערן, ווי גאָר אַ ווייטער ווידערקול. אַלץ איז מיטאַמאָל אָפּגערוקט געוואָרן פון אים — ער האָט פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין.

ווען עליע האָט אויפגעעפנט די אויגן, איז אַלץ אַרום געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטער פינצטערניש. בלויז העלע קרייזן האָבן געשוועבט פאַר זיינע אויגן. איינע האָבן זיך דערווייטערט, אַנדערע דערנענטערט. ער האָט זיך נישט אָריענ־טירט, וווּ ער געפינט זיך. אַלע גלידער האָבן אים ווי געטאָן. לויטן ספּעציפישן ריח האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז ער געפינט זיך ווידער אין קעלער. דער באַוווסט־זיין, אַז ער האָט אויסגעהאַלטן די ערשטע פייער־פּראָבע, האָט אים דערמוטיקט.

נאָך צוויי מאָל האָט מען אים געפירט צו דער אויספאָרשונג. ער האָט אָבער קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט. דאָס כסדרדיקע וועקן פון שלאָף, די קלעפּ און דאָס ליכט פון שטאַרקן פּראָזשעקטאָר האָבן אים נישט צעמישט. ס'האָט נישט געהאָלפן דאָס קוועטשן די פינגער, דאָס גיסן וואַסער אין נאָז — ער האָט זיך צו גאָרנישט מודה געווען. שפּעטער האָט מען אים געבראַכט צום אויספאָרשונגס־ריכטער אויף קילינסקע־גאַס.

— מ'האָט אייך געשלאָגן? — האָט דער ריכטער אים געפרעגט מיט אַ נאַי־ווער מינע אויפן פּנים.

— יאָ! — ענטפערט עליע.

— ווייזט נאָר, וו האָט איר סימנים? ער, דאָס איז גאָרנישט, וואַרשיינלעך זיך צעקלאַפּט...

די גרעסטע פייניקונגען האָט געהאַט אויסצושטיין פּיקס, ער האָט אָבער אין איין קול געטענהט, אַז ער האָט די דריי בראָשורן געפונען און מער ווייסט ער פון גאָרנישט.

קורץ נאָכדעם איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס. עליע און קאָוואַדלאָ האָבן באַקומען צו 12 חדשים תּפיסה יעדער, פּוקס האָט באַקומען 14 חדשים. אָבער אין רעזולטאַט פון אַן אַפּעלאַציע איז אַנולירט געוואָרן דער אורטייל לגבי עליען און קאָוואַדלאָן, דאַקעגן לגבי פּוקסן איז דער אורטייל באַשטעטיקט געוואָרן. נאָך לאַנגע חדשים מאַטערניש איז עליע ארוים אויף דער פרײַ.

אין דער העלפט פון יאָר 1938 איז נאָך עליע געווען אַרבעטסלאָז און איז געפאַלן צו לאַסט דעם טאַטן. וו איז ער אַלץ נישט געווען און וואָס האָט ער אַלץ נישט געפּרוווט, אומעטום האָט ער באַקומען איין און דעם זעלבן ענטפער — ס'איז נישטאָ קיין אַרבעט. קעגן אים האָבן זיך פאַראייניקט אין איין פראָנט די פאַרביסענע סטאָליער-מייסטער, די פאַבריקאַנטן און פּאָליציי. כדי זיך נישט ארומצודרייען ליידיק, איז ער אַריין צום טאַטן אין וואַרשטאַט, שנעל באַהערשט דאָס מאָקער-פאַך און געהאָלפן דעם אויסגעמאַטערטן טאַטן, ווען עס זענען געווען באַשטעלונגען.

פון דער צייט איז אַריבער אַ יאָר, אין משך פון וועלכן עס האָט מיטאַמאָל אויפגעבליט דער וולאָצלאַווקער פאַבריקאַנט שוואַרצשטיין, זיין פּאַפּיר-פאַבריק האָט אַדאַנק אַן ענגלישער באַשטעלונג אויף פּאַפּירענע שפּולן צו פייערווערק אָנגעהויבן אַרבעטן אויף דריי שיכטן. צום שניידן די שפּולן האָט מען געדאַרפט האָבן מאָקערס. און אַלע דריי ווישניאַקס צוזאַמען מיט דער מאָקאַרניע זענען איבערגעגאַנגען אַרבעטן צו שוואַרצשטיינען אין פאַבריק.

עליע געדענקט די 3 חדשים אַרבעט אין פאַבריק, ווי די זאַטע צייט פון דער משפּחה ווישניאַק. 20 יאָר זיי האָבן אָפּגעוווינט אין דעם ברעקל צימער אויף קרולעוויעצקע-גאַס, איצט ערשט האָט דער טאַטע אָנגעהויבן קלערן וועגן אַ שטיקל באַקוועמערע דירה, אָבער זיין טרוים איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. דעם 1-טן סעפּטעמבער 1939 איז געקומען די קאַטאַסטראָפע, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך די 20 יאָרן הונגער-הערשאַפט פון דער סאַנאַציע.

אויף סאָוויעטישער ערד

באָגאָראַיעוואָ איז געווען אַ קליין מאָלעריש שטעטל אין ראָסטאָווער געגנט, באַוווינט דורך די אַרבעטער פון שטיינהאַקער־זאַוואָד. עליע איז דאָ אָנגעקומען פאַר ניי־יאָר, דעם 25־טן דעצעמבער 1939. אויפגענומען האָט מען די ניי ווער־בירטע אַרבעטער זייער גוט. דער פאָרשטייער פון פראָפ. פאַריין האָט זיך באַמיט אַלעמען איינצואָרדענען ווי צום בעסטן.

דער אָוונט אין קלוב, וואָס איז ספּעציעל פאַר די נייע אַרבעטער איינגעאָרדנט געוואָרן, איז אים אויך געפעלן.

ביינאַכט איז ער געגאַנגען אין אַרבעטער־האָטעל (אָבשעזשיטיע"), וווּ ער האָט צוזאַמען מיט זיין בעסטן חבר אַדאַם פוקס באַקומען אַ געמיינזאַמען צימער. זיי זענען געווען גליקלעך און צופרידן, ס'איז אַנטרונען די שרעק פאַר דאָס קומענ־דיקע. זיי האָבן דערזען, אַז צווישן די סאָוויעטישע מענטשן קאָן מען נישט פאַר־פאַלן ווערן און מיט דער אַרבעט וועט מען זיך אויך וואַרשיינלעך אַן עצה געבן. דערווייל האָבן זיי באַקומען צו 10 טעג אָפּרו פון דעם וועג, מאַטערנדיקן וועג.

דאָס אַרבעטער־שטעטל איז געווען נישט שלעכט איינגעאָרדנט. דאָס צימער, וואָס זיי האָבן באַקומען, איז נישט קלענער געווען פון זיין וווינונג אין וולאָצלאַוועק, אָבער דאָרט האָבן זיי געוווינט 9 פּערזאָן, דאָ בלויז צוויי — ער און אַדאַם. ס'איז וואַרעם און ריין אַ מחיה. עליע האָט זיך געטראַכט, ווי גוט וואָלט עס געווען, ווען ער האָט דאָ די גאַנצע משפּחה. דער טאַטע — וויפל האָט ער עס געטרוימט וועגן אַ סטאַלע אַרבעט און אַ דירה, אין וועלכער אַלע זאָלן קאָנען שלאָפן ווי מענטשן.

פון אַלע הייזלעך און אַרבעטער־האָטעלן אין באָגאָראַיעוואָ פירן וועגן צום צווייִשטאָקיקן בנין, וואָס שטייט זיך מאַיעסטעטיש כמעט אין צענטער שטעטל און טיילט זיך אויס פון אַלע אַנדערע מיט די הויכע ווענט און ברייטע פענצטער. דאָס איז דער קלוב, דער וויכטיקסטער קולטור־ און פאַרווייַלונגס־צענטער פון די אַרבעטנדיקע.

בּיסלעכווייז האָבּן זיך די חברים באַקענט מיטן שטעטל, מיט די מענטשן. שעהן לאַנג האָבּן זיי זיך צוגעקוקט צו דער אַרבעט אין דער שטיינהאַקעריי, געוואָלט כאַפּן דעם שניט, עפּעס אויסלערנען זיך פאַרן צוטרעטן צו דער אַרבעט. אָבער די צונג האָט זיך נישט געדרייט, אַ וואָרט אַרויסברענגען אין רוסיש איז געווען שווערער, ווי אויפהייבן אָדער צעהאַקן אַ גרויסן שטיין.

סאַוואָשענקאָ, דער פירער פון קלוב, אַ יונגער פרייליכער יאַט, אַ רירעוודיקער ווי קוועקזילבער, האָט באַשלאָסן איינצואָרדענען אין קלוב אַ קורס צום לערנען די רוסישע שפּראַך. עליע און אַדאַם זענען געוואָרן די ערשטע שילער.

פון פּוילן קיין באַגאָראַיעוואָ זענען עוואַקואירט געוואָרן עטלעכע צענדליק פּערזאָן פון פאַרשידענע שטעט, הויפּטזעכלעך פון וואַרשע און לאָדזש. אייניקע זענען אַפילו געווען מיט די משפּחות. דאָס זענען געווען מענטשן פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, מיט פאַרשידענע כאַראַקטערן און פאַרשידענעם קוק אויפן לעבן. דעם גרעסטן טייל האָבּן געבילדעט אַרבעטער און האַנטווערקער. עס זענען אָבער געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבּן פריער געלעבט פון לופט־פּרנסות. אָט די לעצטע האָבּן זיך דערשראָקן פאַרן זאַוואָד, די אַטמאָספער פון ערלעכער אַרבעט האָט נישט אַנטשפּראָכן זייערע פאַרלאַנגען. האָבּן זיי פון דער ערשטער מינוט אָן אָנגעהויבן פירן אַן אַגיטאַציע אַוועקצופאָרן פון דאַנען. דער הויפּט־אַרגומענט איז געווען: „מיר וועלן דאָ אַלע אויסשטאַרבּן ביי אָט דער שווערער אַרבעט, איר ווייסט, וואָס דאָס איז אַזוינס האַקן שטיינער?“

ספּעציעל איז עליען געווען דערווידער גאַטעק „דער חכם“ מיט די שפּיציקע נישטערנדיקע אייגעלעך, וואָס האָט צו יעדע עטלעכע זאַצן צוגעגעבן: „יאַד בין אַ וואַרשעווער, יאַד קאָן נישט שווער אַרבעטן“. די אַנדערע האָבּן אים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. עליע האָט מיט זיי געפּרוווט פּאָלעמיזירן: „פון וואַנען ווייסט איר, אַז ס'איז אַ שווערע אַרבעט, מיר האָבּן דאָך נאָך אַ האַנט נישט צוגעלייגט“. אָבער דער „אַטאַמאַן“ האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן — „מיר וואַיסן! מ'האָט אונדז שוין געזוגט, מיר האָבּן שוין אַליין אויך געזען, ווי לייכט עס איז צו האַקן שטיינער פון דער וואַנט“. ווען ס'האָבּן זיך געענדיקט די 10 טעג און מ'האָט געדאַרפט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, איז גאַטעק מיט זיין חברה אַנטרונען געוואָרן.

די נייע אַרבעטער זענען אַרויס צו דער אַרבעט. עליע האָט זיך געהאַלטן מיט פוקסן. זיי האָבּן באַשלאָסן אַרבעטן צוזאַמען. נישט אָן האַרצקלאַפּעניש זענען זיי צו צו דער שטיינערנער וואַנט אויף דעם אָנגעצייכנטן פאַר זיי אָפּשניט און גענומען אין די הענט די מעכאַנישע בויערס. זינטשענקאָ, דער מייסטער פון אוטשאַסטאָק, האָט זיי נישט אָפּגעלאָזט, ביז וואַנען זיי האָבּן נישט פאַרשטאַנען דעם שכל פון דער נישט שטאַרק קאָמפּליצירטער אַרבעט. עליען איז אָנגעקומען פיל לייכטער צו באַהערשן דעם בויער, פאַר אים איז קיין נייעס נישט געווען זיך צו באַנוצן

מיט האַנט־מכשירים, דאַקעגן אַדאַמען איז עס אָנגעקומען שווערער. אָבער אין אַ פאָר טעג אַרום האָבן שוין ביידע געאַרבעט זעלבשטענדיק. די פראָדוקטיווקייט איז נאָך אָבער געווען זייער אַ נידעריקע. ווי עליע האָט זיך שפעטער אַרומגעזען, איז די אַרבעט ביי דער וואַנט גאָרנישט אַזאַ פשוטע, ווי דאָס האָט זיך פון אָנהייב געדאַכט. ס'האָט זיך איבערגעחזרט די אַמאָליקע פראַקטיק פון גאָלדמאַנס וואַרשטאַט. ער האָט אָנגעהויבן אַריינצוטראַכטן, ווי צו אָרגאַניזירן די אַרבעט, אַז ס'זאָל זיין לייכטער — נישט ער, נישט אַדאַם האָבן געקאָנט אויסשטעלן אויף נעמען מיט כוח. ס'האָט זיי געפעלט פראַקטיק, געוווינהייט, שווער פאַרמאַטערטע פלעגן זיי קומען אַהיים.

ביסלעכווייז האָט זיך עליע צוגעוווינט צום טרייסלען פון בויער, און מיט דער מאַסע פון זיין קערפער האָט ער אַלץ שטאַרקער געדריקט אויף אים, אָבער נישט בלויז אין שטאַרק דריקן איז באַשטאַנען די חכמה. די וויכטיקסטע זאַך איז געווען אויספירן דאָס פאַסיקע אָרט צו שטעלן דעם בויער, אויסנוצן יעדעם שפעלטל, אַריינטרעפן צווישן די שיכטן פון שטיין, אויספלאַנירן די לעכער אַזוי, אַז דער אויפרייס זאָל געבן וואָס מער אָפגעריסענע שטיינער. אין דעם איז באַשטאַנען די קונסט, וועלכע עליע האָט געוואָלט באַהערשן וואָס שנעלער. די אָנווייזונגען פון זינטשענקאָן האָבן וואָס ווייטער באַקומען מער אינהאַלט. די צייכענונגען אויף די ווענט אין סטאָלווקע, וואָס האָבן אילוסטרירט דעם געאָלאָגישן בוי פון די אָרטיקע שטיינער־מאַסיוון און די מוסטערן, ווי צו פלאַנירן די לעכער־נעץ, זענען אים געוואָרן פיל פאַרשטענדלעכער. ער האָט זיך אינטערעסירט און באַמיט צו דערוווערבן דאָס טעאָרעטישע וויסן, וואָס האָט אים געפעלט, כדי צו דערגרייכן וואָס בעסערע רעזולטאַטן.

מען האָט זיך דאָ אויך געדאַרפט צוגעוווינען צום שווערן האַמער, וואָס האָט אויף רוסיש געהייסן „קאָוואַדלאָ“. נאָך דעם ווי די מיניערן פלעגן פאַרלייגן דאָס אויפרייס־מאַטעריאַל אין די אויסגעבויערטע לעכער און אַרויסרופן אַ לאַנגע קייט פון אויפרייסן אויפן גאַנצן שטח פון דער וואַנט, פלעגט מען זיך דאַרפן אומקערן און אָפרייניקן דעם אַרבעטס־אָפשניט פון די אָפגעריסענע שטיינער. די גרויסע שטיינער האָט מען מיטן האַמער געדאַרפט צעהאַקן אויף קלענערע, נאָכדעם אָנלאָדן אויף אַ טאַטשקע, אַרויספירן אויף דער ראַמפע און אַראָפשיטן אין די וואַגאָנען פון מאַטאָוואָז, וועלכער האָט אַלץ אָפגעפירט אויפן זאַוואָד. אויך דאָס האַקן מיטן האַמער דעם אָפגעריסענעם שטיין איז געווען קאָמפליצירט. ריכטנדיק זיך לויט די שיכטן פון שטיין, האָט מען אים געקאָנט שפאַלטן מיט איין קלאַפ. נעמענדיק אָבער סתם אויף כוח, האָט מען געדאַרפט קלאַפן פל מאָל און פאַרלירן דאָס געזונט. אויך אָט די קונסט האָט עליע שנעל באַהערשט. אויך אַדאַם איז נישט אָפגעשטאַנען. דעם ערשטן מאָנאַט האָבן זיי דערגרייכט אַרום 100 פראָצענט

פון דער נאָרמע. פון 10 ביז 12 אויפרייסן אַ טאָג פלעגן זיי שוין צוגרייטן. פאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען נאָך ווייט געווען פון די בעסטע, פון די סטאַכאַנאָווצעס, אָבער מען האָט זיי אַזוי אויך באַוואונדערט. ס'האָט זיך וועגן זיי באַוויזן אַ נאָטיץ אין דער וואַנט־צייטונג, געשריבן דורכן פאָרזיצער פון פראָפ. פאַריין. זינטשענקאָ האָט זיי געשטעלט פאַר אַ מוסטער פאַר אַנדערע ניי צוגעקומענע אַרבעטער.

עליע האָט זיך צוגעוווינט צו דער אַרבעט. די מוסקולן זענען אים האַרטער געוואָרן, דער אַפּעטיט אויסגעוואָקסן, ער איז געוואָרן געזונטער, דער טראָט פעסטער. ער האָט שוין באַלד פאַרגעסן, ווי אין די ערשטע טעג פלעגט ער אַריינפאַלן אין צימער, זיך לייגן אויפן בעט און קוים באַוועגן מיט די פאַרמאַטערטע הענט און פיס. וויפל ספקות האָבן דאַן געטאָטשעט זיין געדאַנק, ער איז שוין נישט ווייט געווען פון איינברעכן זיך, אָבר זיין עקשנות האָט פאָרט גובר געווען די שוואַכקייט. אין די ערגסטע מינוטן האָט ער נאָך אונטערגעהאַלטן אַדאַמען.

— מיר מוזן זיך צוגעוווינען, — האָט ער געטענהט, — איך האָב שוין אַמאָל איבערגעלעבט עפּעס ענלעכעס. ס'האָט זיך מיר פאַרוואָלט ווערן אַ ספּאָרטלער, איז שטעל דיר פאָר, אַז נאָך די ערשטע פאָר מאָל גימנאַסטישע איבונגען האָב איך נישט געקאָנט רירן מיט קיין האַנט און פוס, כ'האָב געמיינט, אַז איך ווער פאַראַליזירט. דער אינסטרוקטאָר האָט געלאַכט פון מיר: „ס'וועט איבערגיין, — פלעגט ער זאָגן, — מ'דאַרף נאָר רעגוליער איבן. אַלע גלידער וועלן זיך געהעריק אויסציען, וועסטו זיך פילן ווי אַ ניי געבוירענער מענטש“. איצט חזרט זיך איבער דאָס זעלבע, אָבער אין אַן אַנדער פאָרם — ס'וועט איבערגיין.

און ס'איז טאַקע איבערגעגאַנגען.

געענדיקט די אַרבעט, איז עליע געגאַנגען אין קלוב אַריין, וווּ עס האָבן אים אינטערעסירט פיל געביטן פון קולטור־לעבן, אָבער צום מערסטן צייט האָט ער געווידמעט דעם לערנען זיך די רוסישע שפּראַך. ס'איז נישט אַוועק קיין גאַנצער חודש, און ער האָט זיך שוין געקאָנט צונויפשמועסן מיט די מיטאַרבעטער, ער האָט נאָך אַפילו געמוזט אָנקומען צו די הענט, אָבער קיין שטומע צונג איז ער שוין נישט געווען.

צוגלייך מיטן באַהערשן די שפּראַך, האָבן זיך אויך אויסגעברייטערט זיינע פאַראינטערעסירונגען. ער האָט שעהן לאַנג פאַרבראַכט אין לייענזאַל און געשלונגען טשעכאָוו, גאָגאָלן, טאָלסטאָיען, גאָרקין, שאָלאָכאָוון, אָסטראָווסקין און זיך אַנטציקט מיט די געשטאַלטן, ווי: פּאַוועל וולאַסאָוו, קאָרטשאַגין, וועלכע האָבן אים דערמאָנט אין זיין אייגן לעבן. אין אים האָט זיך דערוועקט אַ דראַנג צו גיין פאָראויס, זיך לערנען, וואַקסן. אין לייענזאַל האָט עליע איינמאָל געטראָפן ניגען ,זיין לערערין פון רוסיש. ס'האָט זיך צווישן זיי אַנטוויקלט אַ לענגערער שמועס. זיי האָבן געשמועסט וועגן די העלדן פון גאָרקים „מוטער“. ניגע ניגע האָט געפּרווט

שטעלן אונטער אַ פּראָגעצייכן די רעאַלקייט פון אייניקע סיטואַציעס, האָט עליע אָפּאָנירט און אומבאַמערקט איבערגעגאַנגען צו דערציילן וועגן זיינע אייגענע איבערלעבונגען אין סאַנאַציע־פּוילן, כדי צו באַקרעפטיקן זיין מיינונג. ווען ער האָט געענדיקט, האָט בינע געזאָגט: „וועגן אָט די זאַכן דאַרפסטו דערציילן אויף אונדזער קאָמסאָמאָלסקע אָרגאַניזאַציע, זאָלן אונדזערע יוגנטלעכע וויסן, ווי ס'האָט געלעבט און געקעמפט די פּוילישע יוגנט אין דער פאַנסקער פּאָלשע".
עליע האָט זיך געקווענקלט: „איך קען דאָך אַפילו די שפּראַך נישט, מען וועט דאָך גאָרנישט פאַרשטיין, וואָס איך וועל רעדן". אָבער ער איז דאָך איינגעגאַנגען.

ס'איז אַדורך דער צווייטער חודש אויפן זאַוואָד. עליע מיט אַדאַמען האָבן געגעבן 120 פּראָצענט פון דער נאָרמע. זיי האָבן גוט פאַרדינט און גוט געלעבט. זייער אַרבעטזאַמקייט און באַשיידנקייט האָט זיי דערוואָרבן אויטאָריטעט און ליבע, זיי האָבן באַקומען פיל פריינד און חברים. איבקורצן האָבן ביידע חברים באַקומען אַן אַנדער אַרבעט, עליען האָט מען אַוועקגעשטעלט פאַרן געהילף פון מאַטאָוואָז־פירער, אַדאַם איז געוואָרן אַ סיפּשטשיק אויפן זאַוואָד. עליע איז אַפילו פון אָנהייב נישט געוועזן צופרידן, ער האָט זיך שוין איינגעאַרבעט, געכאַפּט דעם שניט ביי דער וואַגט, איצט לערן זיך אַ פרישע אַרבעט. אָבער די אַרבעטס־באַדינגונגען זענען פאַר ביידן געווען פיל בעסערע, און זיי זענען איינגעגאַנגען. פונדעסטוועגן איז טיף איבעווייניק ביי עליען געבליבן די בענקשאַפט צו זיין פאַך — סטאָליערײ.

אָנהייב חודש פעברואַר פון יאָר 1940 זענען ביידע חברים ארויסגערופן געוואָרן אין דער מיליץ פון ראַיאָן־צענטער. דאָרט האָבן זיי באַקומען צייטווייליקע פּאַספּאָרטן. זיי זענען דערהויבן געוואָרן צו גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון דער פּראָלעטאַרישער מלוכה, כאָטש זיי זענען דאָ ערשט געקומען מיט קנאַפּע 4 חדשים צוריק. עליע האָט אין האַנט דעם דאָקומענט און פרעגט דעם נאַטשאַלניק מיט אַ נישט זיכערע שטים: „און אויב כ'וואָלט געוואָלט אַריינפאָרן קיין ראָסטאָוו, זיך דאָרט איינאָרדענען ביי מיין פאַך, אַלס קוואַליפיצירטער סטאָליער, וואָלט איך געקאָנט?

— פאַרוואָס נישט? איר קאָנט, שרייבט אָן וועגן דעם אַ ביטע.
דער שטיינהאַקער־זאַוואָד האָט זיי קיין שוועריקייטן נישט געמאַכט.

אין ראָסטאָוו זענען עליע מיט אַדאַמען אָנגענומען געוואָרן צו דער אַרבעט אין די רעמאָנט־ווערקן „קראַסני פּלאָט" אַלס סטאָליאַרעס. איינגעאָרדנט האָט מען זיי אין אַן אַרבעטער־האָטעל („אָבשעזשיטיע"), וווּ זיי האָבן באַקומען אַ שיינעם זוניקן צימער. דער האָטעל איז געשטאַנען אין אַ מאָלעריש־שיינער געגנט, וואָס האָט געהייסן זיעלאָני אָסטראָוו (גריגער אינדזל).

די וועריפן האָבן פאַרנומען אַ באַדייטנדיקן שטח פון ביידע זייטן טייך און זענען באַשטאַנען פון פיר גוט פאַנאַנדערגעבויטע אָפּטיילונגען. די האָלץ-אָפּטיילונג האָט זיך געפונען אויף רעכטס פון דער בריק, וועלכע איז געווען איבערגעוואָרפן צום אינדזל, און איז באַשטאַנען פון אַ גוט מעכאַניזירטן טאַרטאַק און אַ סטאָליערײַ. ווייטער איז געשטאַנען די קאַדלובאָווניע — דאָרט זענען דורכגעפירט געוואָרן די נייטיקע רעמאָנטן און מאָנטירט געוואָרן די קאַדלובן פון נייע באַרזשעס. די מעכאַנישע אָפּטיילונג האָט זיך פאַרנומען מיטן ברענגען אין אָרדענונג די פאַרשידענע מעכאַניזמען פון די שיפן, און דער מאָטאָר-צעך — מיט קאַפּיטאַלע רעמאָנטן פון די טרייב-מאַשינען פון די שיפן. נעבן אָט די וויכטיקסטע אָפּטיילונגען האָבן געאַרבעט אַ ריי געהילפס-וואַרשטאַטן.

עליע איז אויפן צווייטן טאָג פון זײַן אָנקומען קיין ראָסטאָוו אַרײַן אין האָלץ-צעך. דאָס, וואָס ער האָט דאָ דערזען, האָט בײַ אים אַרויסגערופן פאַרווונדערונג. ווען ער זעט נישט די שטאַפּלען ברעטער און דעטאַלן, וואָס גייען אַרויס פון די מאַשינען, וואָלט ער קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז צו סטאָליאַרקע דאַרף מען האָבן אַזעלכע גרויסע קאָמפּליצירטע מאַשינען. ער האָט דערזען די באַקאַנטע האַנט-וואַרשטאַטן, בײַ וועלכע די אַרבעטער מאַכן פאַרשידענע מעבל פאַר די שיפן. „איצט זענען מיר אין דער היים“, — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן צו אַדאַמען, וועלכער איז געווען פיל מער איבעראַשט פון אים. אַדאַמען איז דער האַנט-וואַרשטאַט אויך געווען פרעמד און זײַן גאַנצע האָפענונג איז געווען אין עליען.

דער מייסטער באַכמוצקי האָט זיי צוגעפירט צו אַ וואַרשטאַט אין דער לינקער זייט פון צעך, נעבן פענצטער, און געזאָגט: „אָט דאָ וועט זײַן אײַער אַרבעטס-פּלאַץ, האַלט אים אין אָרדענונג און זאָרגט פאַר דער ריינקייט“. ס'האָט נאָך אַ ביסל געדויערט, ביז זיי האָבן ביים אינסטרומענטאַלשטשיק באַקומען אַלע נייטיקע געצייג און זענען גרייט געווען צו דער אַרבעט. דער מייסטער האָט זיי איצט געוויזן אַ צייכענונג פון אַ קיך-טיש און געהייסן אויספירן צוויי שטיק. אַן אויפגאַבע איז עס געווען אַ לייכטע. דאָס מאַטעריאַל, צוגעגרייט אין דער מאַשינען-אָפּטיילונג, איז שוין געווען אַ האַלבער פאַבריקאַט. עליע האָט זיך מיט פלייס אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. דער מייסטער איז געשטאַנען אָן אַ זייט און אָבסערווירט — ער האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די נייע אַרבעטער, צו יונג זענען זיי אויס. עליע האָט איבערגעמאָסטן דאָס מאַטעריאַל, זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און מיט די אויגן גענומען זוכן דעם מייסטער. אין די נייע באַדינגונגען מאַכן 2 טישן דורך 2 מענטשן האָט נישט דערלויבט פאַנאַנדערצוויקלען די אַרבעט. ער האָט געבעטן דעם מייסטער אַ דערלויבעניש צו נעמען אין דער אַרבעט נישט 2, נאָר 6 טישן. „דאָס וועט דערלויבן, — האָט ער געטענהט, — צו צעקלאַפּן דעם אַרבעטס-פּראָצעס אויף טיילן און וועט דערמעגלעכן אַן עקאָנאָמיע

אין דער אַרבעטס-צייט". דער מייסטער האָט זיך געקווענקלט, האָט מורא געהאַט, זיי זאָלן נישט פּטרן דאָס מאַטעריאַל, אָבער ער האָט מסכים געווען. עליע, נעמענדיק אין דער אַרבעט אַ גרעסערע צאָל טישן, האָט געהאַט נאָך אַ מיין: אַדאַם, וועלכער איז נאָך קיין סטאָליער נישט געווען, וואָלט אַליין נישט געקאָנט מאַכן קיין טיש. איצט האָט אים עליע געוויזן, ווי צו מאַכן די פּשוטע פּראָצעסן, און אַליין האָט ער אויסגעפירט די קאָמפּליצירטע. די ערשטע פּאַרטיע האָט געדויערט מיט 12 שעה מער, ווי ס'האָט פאָרויסגעזען די נאָרמע, אָבער די קוואַליטעט איז געווען אַ גוטע. דער מייסטער איז געווען צופרידן.

שפּעט אין אָוונט האָט נאָך אין עליעס פענצטער געשיינט דאָס ליכט, ער איז געזעסן ביים טיש מיט אַ בלייער אין האַנט, גערעכנט און געצייכנט, ווי בעסער איינצושטעלן די פּראָצעסן, ווי בעסער אויסנוצן די מעכאַנישע איינריכטונגען, כדי שנעלער צו מאַכן די צווייטע פּאַרטיע טישן. ער קומט צום אויספיר, אַז די צאַפּנס צו די שליסונגען קאָן מען מאַכן מיט דער דאָלביאָזשנער מאַשין. — דאָס גאַנצע מאַטעריאַל דאַרף פריער אָנגעצייכנט ווערן, כדי... ניין! ס'איז גענוג צו מאַכן אַ שאַבלאָן און לויט אים אַלץ צושניידן אויף דער צירקל-זעג, דאָס וועט געבן עקאָנאָמיע...

אין דער פרי האָט זיך עליע געשטעלט אַרבעטן צו דער נייער פּאַרטיע טישן לויטן נייעם פּלאַן. צו די מאַשינען איז ער נאָך צוגעגאַנגען נישט דרייסט און מיט גרויס פאָרזיכטיקייט. אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, האָט ער אַפילו נישט באַמערקט, אַז ער געפינט זיך אונטער אַ שטרענגער אָבסערוואַציע פון זאַכאַראָוון, דעם פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר דער אַרבעטס-זיכערקייט אין צעך, אָבער איבערצייגנדיק זיך, אַז דער נייער איז גענוג פאָרזיכטיק, האָט ער אים געלאָזט צורו. אַדאַם ווידער האָט שנעל באַהערשט די קונסט צו באַדינען די מאַשינען. דער אָרגאַניזירטער אַרבעטס-פּראָצעס האָט געגעבן גוטע רעזולטאַטן. אינקורצן איז אָנשטאָט אין 14 שעה לויט דער נאָרמע, האָבן זיי געמאַכט אַ טיש אין 10 שעה. זיי האָבן געוווּנען די אָנערקענונג סיי פון דער אָנפירונג, סיי פון די מיטאַרבעטער און איבערגעגאַנגען אין דער 5-טער קאַטעגאָריע.

די נאָוואַציע אויפן דאָן האָט גערירט מיט דער גאַנצער פאַרע, באַגײַסטיקט דורכן וואַרעמען, זוניקן פרילינג. כמעט אַלע שיפן האָבן שוין פאַרלאָזט דעם „קראַסני פלאָט". דער פּלאַן פון די רעמאָנט-אַרבעטן איז אויסגעפירט געוואָרן אין די פאָרויסגעזעענע טערמינען און לויט דער געפאָדערטער קוואַליטעט. דער דאַנק-בריוו פאַרן קאָלעקטיוו פון זאַוואָד איז אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד. מיט נאָך מער ברען האָבן זיך אַלע גענומען צו דער אַרבעט, כדי ווירדיק צו באַגעגענען דעם 1-טן מאַי. עליע האָט צום ערשטן מאָל געהערט וועגן דער סטאַכאַנאָווישער וואַרטע, אויף וועלכער עס האָבן זיך געשטעלט די בעסטע אַרבעטער,

און ער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע באַוווּנדערט די דורך זיי דערגרייכטע רעזול=
טאַטן: 300, 400 פּראָצענט פון דער נאָרמע.

עליע מיט אַדאַמען האָבן זיך אויף דער סטאַכאַנאָווישער וואַרטע נישט גע=
שטעלט, זיי האָבן אין דער צייט פּונקט געהאַט גרויסע שוועריקייטן מיטן באַהערשן
אַ נייעם פּראָפיל פון דער אַרבעט. פון מעבל זענען זיי איבערגעגאַנגען צו בויען
קאַיוטעס פאַר די נייע באַרזשעס, און דערווייל האָט זיך די אַרבעט נאָך נישט
געקלעפּט, וועגן פּראָצענטער האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד. צום ערשטן מאָל
האָט עליע באַגעגנט דעם אַרבעטער־יום־טוב דעם ערשטן מאַי אויף דער סאָוועט=
טישער ערד. זיין נישט געהויבענע שטימונג צוליב די פּערזענלעכע שוועריקייטן
אין דער אַרבעט איז פאַרביי. ער איז מיטגעריסן געוואָרן מיטן פרייידיקן ענטו=
זיאַזם פון אַלע אַרבעטנדיקע, בפרט נאָך, אַז ביז איצט איז ער געוווינט געווען צו
פייערן דעם ערשטן מאַי אין די באַדינגונגען פון סאַנאַציע־טעראָר אויף אַן אומלע=
גאַלער מאַסווקע און דעמאָנסטראַציע אָדער אין פּאָליציי־אַרעסט. ער האָט נישט
דערקענט דעם קלוב, וועלכער האָט זיך געטונקט אין רויטע פאַרבן און פּילצאָליקע
לאָזונגען. אויף דער אַקאַדעמיע איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן די ערנסטקייט
פון דער לאַגע. אין דער היים, אין אַרבעטער־האָטעל, האָט אים דערוואַרט אַן אָנ=
אָוונטברויט, מיט וועלכן עס האָבן אָנגעפירט די קאָמסאָמאָלצעס. נאָכן עסן זענען
געווען אַרויסטרעטונגען פון די זעלבסטטעטיקייטס־קרייזן. אין פריילעכער פאַרוויילונג
און חברישע שפּילן איז שנעל געלאָפן די צייט. געזעגנענדיק זיך מיט עליען און
אַדאַמען, האָט זיי וואַדים דער סטאַכאַנאָוויעץ העפלעך פאַרבעטן צו זיך אויף
מאָרגן נאָך דער מאַניפעסטאַציע אויף מיטאָג.

— כ׳וויים, — האָט ער געזאָגט, — אַז איר זענט אַליין, און יום־טוב איז
בעסער צו פייערן אין אַ היימישער אַטמאָספער. מיין טאַטע מיט דער מאַמען
וועלן זיין צופרידן, איך האָב זיי שוין פריער דערציילט וועגן אייך.

אין די יום־טוב־טעג האָבן זיך עליע און אַדאַם באַקענט מיט דער וואַרע=
מער היימישער אַטמאָספער, מיט דער האַרציקער גאַסטפריינדלעכקייט פון די
סאָוועטישע מענטשן, וועלכע האָבן געטאָן אַלץ, בכדי זיי צו פאַרבייטן די היים.

נאָך יום־טוב האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן טעג פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט.
די אַרבעט ביי די קאַיוטעס האָט זיך נישט אַזוי לייכט געלאָזט באַהערשן, און עליע
מיט אַדאַמען האָבן נישט געקאָנט דערגרייכן קיין באַפרידיקנדיקע רעזולטאַטן.
די צייט איז געפלאָסן. זיי האָבן זיך שוין באַוויזן אַריינצוגריזשען אין דער אַרבעט,
זענען דרייסטער געוואָרן, האָבן זיך צוגעוווינט צו די געהילפס־מאַשינען. דאָס
צוגרייטן דעם מאַטעריאַל הויערט שוין נישט אַזויפיל צייט, אָבער אַז זיי קומען
אַרויף אויף דער באַרזשע, ווערן זיי פאַרפאַלן, יאָגט מען זיי איבער; און עליע
קומט ווידער צום אַלטן אויספיר, אַז מיט כוח וועט ער גאָרנישט אויפטאָן. מיט

וואַדימען אַא. סטאַכאַנאָווצעס, וואָס האָבן שוין לאַנגע יאָרן פּראַקטיק, קאָן ער זיך נישט גלייכן, און ער מוז זיך באַגנוגענען מיט דער פּאָרויסגעזעענער נאָרמע — 6 טעג אַ קאַיוטע. דער אַלגעמיין אָנגענומענער סיסטעם פון דער אַרבעט איז געווען אַ פּשוטער. די מאַשינען־אָפּטיילונג פלעגט צוגרייטן דאָס מאַטעריאַל, אויף דער באַרזשע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די בוי־ און סטאָליער־אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז די אַרבעטס־באַדינגונגען אויף דער באַרזשע זענען נישט געווען אין פאַרגלייך ערגערע ווי אין וואַרשטאַט. פיל צענדליקער שעהן פלעגט געפּטרט ווערן אויף גיין אין צעד און צוריק נאָך יעדער קלייניקייט, צו די געהילפס־מאַשינען, צים אינסטרומענטאַלשטשיק אַא. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און אין עליען האָט זיך עפּעס גענומען בונטעווען קעגן אָט דעם אַרבעטס־סיסטעם, וועלכער האָט אין גרונט גענומען באַגרענעצט דאָס אויסנוצן די מאַשינען, פאַרגרעסערנדיק די האַנט־אַרבעט, וואָס איז שווערער און געדויערט לענגער. עליען האָט זיך שוין פיל מאָל געשטעלט די פראַגע: צי וואָלט נישט מעגלעך געווען מאַכן די קאַיוטע אין וואַר־שטאַט און אויף דער באַרזשע דורכפירן בלויז דעם מאָנטאַזש. וועגן דער פראַגע האָט ער נישט גערעדט מיט קיינעם, ער האָט זיך געפילט ביי זיך קליין אין באַצוג צום טעכנישן פּערסאָנאַל — צו די מייסטערס, אינזשיניערן, טעכניקער, און ער האָט מורא געהאַט, אַז מ'וועט אים אַפילו נישט אויסהערן. אָבער וואָס מער דער־פאַרונג ער האָט זיך דערוואָרבן אין דער פּראַקטישער אַרבעט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן זיין איבערצייגונג, אַז דער ביז איצטיקער סיסטעם אַנטשפּרעכט נישט די טעכנישע מעגלעכקייטן און מוז געענדערט ווערן. דער ענין האָט אים שוין נישט געלאָזן צורו. עליע האָט אָנגעהויבן ווייניקער צו שפּאַצירן און מער זיצן אין צימער. ביינאַכט, ווען ביים ברעג פון דאָן פלעגן שוין אַנטשוויגן ווערן די סענטימענטאַלע טענער פון די באַיאַנען און קיין מיידלשער געזאַנג אָדער געלעכטער האָט שוין נישט געשטערט די נאַכטיקע רו, פלעגט נאָך אין דער נאַכט־פינצטערניש לייכטן עליעס פענצטער. ער איז געזעסן ביים טיש און צונויפגעשטעלט די טעכנאָלאָגיע פון די קאַיוטעס אויף זיין שטייגער, לויט זיין פאַרשטאַנד. ווי ער האָט אויסגע־רעכנט, דאַרף דויערן מאַכן אַ קאַיוטע נישט 6, נאָר 4 טעג. ענדלעך איז אַלץ פאַר־טיק. וואָס טוט מען איצטער? מיט וועמען רעדט מען? עס זענען שוין אַדורך עטלעכע טעג, און ער קאָן זיך אַלץ נישט דעצידירן. ענדלעך האָט ער באַשלאָסן זיך דורכצושמועסן מיטן פאַרטיי־סעקרעטאַר.

אזשדאיעוו האָט אויסגעהערט דעם פּראָיעקט מיט אַ קאָנצענטרירטער אויפ־מערקזאַמקייט, האָט געפאָדערט פאַרשידענע אויפקלערונגען, און ווען עליע האָט געענדיקט, האָט ער אַ צופרידענער קורץ געענטפערט: „דאָס איז אַ ווערטפולער איינפאַל“. קורץ נאָכדעם איז דער פּראָיעקט באַשטעטיקט געוואָרן, און די טעכנישע ליטונג פון האַלץ־צעך האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג צוגרייטן דאָס איבערגיין

אַרבעטן לויטן נייעם סיסטעם. לויט עליעס פּאָרשלאַג איז אויך באַשטעטיקט געוואָרן, אַז ער טרעט גלייך צו פּראַקטיש צו רעאַליזירן דעם פּראָיעקט. די נויטיקע דערגענצונגען וועלן געמאַכט ווערן אין גאַנג פון דער אַרבעט אונטער דער אויפזיכט פון הויפּט-אינזשיניער פון דער אָפּטיילונג, ביי דער מיטאַרבעט פון דער טעכנישער לייטונג פון דער סטאָליעריי.

עליע האָט באַקומען די פולע פרייהייט פון באַוועגונג און האָט זיך אריינגעצויגן אין דער אַרבעט, פונקט ווי אין א האַזאַרד-שפּיל. מען האָט אים גאָר פון צעד נישט געקאָנט אַרויסשלעפּן. אויסער דער אַרבעט האָט פאַר אים קיין זאַך נישט עקזיסטירט, אדאם האָט אים אַסיסטירט. ענדלעך, נאָך א קנאַפּער וואָך אַרבעט, זענען פאַרטיק געוואָרן די נויטיקע שאַבלאָנען, לויט וועלכע מען האָט געקאָנט צוטרעטן צו מאַכן פּראָדוקציע פון די נויטיקע דעטאַלן צו די קאַיוטעס. דער אינזשיניער קוזניעצאָוו האָט אים די גאַנצע צייט צוגעהאָלפן, האָט קאָנטראָלירט, געהאָלפן אויסרעכענען, אַז אַלץ זאָל שטימען, מ'זאָל נישט דאַרפן איבערמאַכן. באַכמוצקי האָט קרום געקוקט אויפן גאַנצן ענין, ער האָט זיך געפילט געטראָפן, וואָס אַלץ איז געשען אָן זיין אָנטייל. און ווער איז דאָ דער גאַנצער אויפטוער? ווישניאַק, ווישניאַק, וואָס האָט נאָך אַפילו נישט באַוויזן רעכט אָנצוווארעמען דעם אַרבעטס-פּלאַץ. אָבער דעם כעס האָט ער פאַרבאַהאַלטן אין זיך. וואָס האָט ער געהאַט צו רעדן, אַז מיטן ענין פאַרנעמט זיך דער הויפּט-אינזשיניער, און אזשדראיעוו, דער פּאַרטיי-סעקרעטאַר, מיידט נישט אויס קיין איין געלעגנהייט צו קומען און כאַפּן אַ בליק, ווי עס גייען די צוגרייטונגען. ווען די שאַבלאָנען זענען פאַרטיק געוואָרן, איז עליע צוגעטראָטן צו שניידן מאַטעריאַל אויף דער ערשטער קאַיוטע. לויט די שאַבלאָנען גייט עס שנעל. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, און זיי האָבן זיך איבערגעטראָגן אויף דער באַרזשע, כדי דורכצופירן דעם מאָנטאַזש. עליע מיט אדאמען באַמיען זיך אַרבעטן שנעל, אָבער עס קרעמפּירט זיי די נייגעריקע בליקן פון די אַרבעטנדיקע אויף די שכנותדיקע באַרזשעס, עס קרעמפּירט זיי די אָנוועזנהייט פון באַכמוצקין, וועלכער טרעט נישט אָפּ אויף אַ מינוט, פונקט ווי ער וואָלט געווען נישט קיין מייסטער, נאָר א בראַקאַזש. ענדלעך איז די ערשטע קאַיוטע פאַרטיק געוואָרן. אָנשטאָט 6 טעג, האָט זי געדויערט 5, דאָס איז שוין געווען אַ באַדייטנדיקע דערגרייכונג, אָבער עליע האָט זיך געערגערט — מער ווי 4 טעג האָט לויט זיין מיינונג נישט געדאַרפט דויערן די אַרבעט. איצט האָט זיך אָנגעהויבן א סדרה קאָנטראָלן. איין קאָמיסיע איז געקומען נאָך דער צווייטער, אָבער ס'איז זיי נישט געווען וואָס פאָרצוואַרפן, די קוואַליטעט איז געווען א באַפרידיקנדיקע. דער נייער אַרבעטס-סיסטעם האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, איז געוואָרן אַ לעבעדיקער פאַקט. ביסלעכווייז זענען אַנדערע בריגאַדעס איבערגעגאַנגען ארבעטן לויטן נייעם סיסטעם, עס זענען באַזייטיקט געוואָרן די באַמערקטע בלויזן. די

צווייטע קאַיוטע האָט שוין ביי עליען געדויערט ווינציקער ווי 5 טעג, שפּעטער 4 טעג און מיט דער צייט, איינפירנדיק אַ ריי צוגאָב־אויסבעסערונגען ביים צושנייד'ן דעם מאַטעריאַל, האָט אַ קאַיוטע געדויערט נישט מער ווי 3 טעג.

עליעס אויפטו איז באַקאַנט געוואָרן אויפן גאַנצן זאַוואָד. וועגן אים מיט אַדאַמען האָט געשריבן דער „דאָן־קובאַנער באָלשעוויק" — דער אָרגאַן פון פּראָפּ. פאַריין פון די וואַסערטראַנספּאָרט־אַרבעטער א.ג. „קאָמסאָמאָלצעס אויף דער וואַרטע". ס'איז געקומען אַ פּאַטאָרעפּאָרטער און געמאַכט אויפנאַמען, שפּעטער איז אין אַרטיקל פון דירעקטאָר פון זאַוואָד אין „מלאָט", דעם אָבלאַסט־אָרגאַן פון קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, זיי געווען געווידמעט א גאַנצער אָפּזאַץ. ער האָט זיי דאָרט אָנגערופן מיטן בכבודיקן נאָמען סטאַכאַנאָוועס. עליע מיט אַדאַמען זענען געווען גליקלעך, דער דערפאָלג האָט זיי מאָביליזירט צו ווייטערדיקער שעפערישער אַרבעט.

אין חודש יוני איז געווען אַ געדענקבאַרער טאָג אין זייער לעבן. נאָכן ענדיקן די אַרבעט האָבן זיי שנעל אָפּגעגעסן, זיך איבערגעטאָן און זיך געלאָזט גיין אין קלוב אויף דער פאַרזאַמלונג פון דער קאָמסאָמאָלסקער אָרגאַניזאַציע. דער ערשטער פּונקט פון טאָג־אָרדענונג האָט געלויטעט: „אָננעמען נייע מיטגלידער אין וו.ל.ק.ס.מ" (קאָמסאָמאָל). די קאַנדידאַטן צו ווערן מיטגלידער זענען טאַקע געווען עליע און אַדאַם.

מיט א יאָר שפּעטער, אין אָנהייב יוני 1941, איז מיט עליען געשען א פּאָר־פאַל. ער איז שוין דאַן געווען בריגאַדיר און אָנגעפירט מיט א צענדליק אַרבעטער. ביים איינריכטעווען די פּרעז־מאַשין האָט ער פאַרקערט אריינגעלייגט די צולאַגע און איינגעשלאָסן דעם מאָטאָר. דער אומגליק איז געשען אין איין אויגנבליק: די צולאַגע איז אָפּגעשפּרונגען, און די פינגער פון זיין רעכטער האַנט האָבן זיך א גליטש געטאָן איבער די מעסערס.

ליגנדיק אין שפּיטאָל, האָט ער זיך דערוווסט די טרויעריקע בשורה, אַז די דייטשישע פאַשיסטן זענען אָנגעפאַלן אויפן ראַטנפאַרבאַנד. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פּאַטערלענדישע מלחמה פון די סאָוויעטישע פעלקער קעגן דער גרעסטער געפאַר פון דער מענטשהייט — דעם פאַשיזם. עליען איז געווען טרויעריק אויפן האַרצן. ס'האָט אים ווי געטאָן, וואָס ריכטיק איצט איז ער אָפּגעריסן פון די חברים. ער האָט זיך געריסן ארויס פון שפּיטאָל, אָבער דער דאָקטער האָט פון גאָרנישט געוואָלט וויסן.

ענדלעך איז עליע צוריק אויפן זאַוואָד. ס'האָט אים באַנג געטאָן, וואָס ער האָט שוין נישט געטראָפן וואָדימען דעם סטאַכאַנאָוועץ, באָריסן — דעם פאָרזיצער פון דער קאָמסאָמאָלסקער אָרגאַניזאַציע, און צענדליקער אַנדערע גוטע, זייער נאָענטע חברים — זיי זענען אַוועק אין דער אַרמיי, און ער האָט אפילו נישט באַוויזן מיט

זיי זיך צו געזעגענען. אויפן „קראסני פּלאָט“ זענען געבליבן בלויז די עלטערע אַרבעטער און יונגע, וואָס זענען צוליב פאַרשידענע סיבות נישט געווען פעיק צו טראָגן געווער, און א גרויסער טייל פון אינזשיניעריש-טעכנישן פּערסאָנאַל — די בעסטע ספּעציאַליסטן. ס'איז פיל שווערער געוואָרן צו ארבעטן, מען האָט געדארפט טאָן פאַר צוויי. דעם פּלאַן האָט מען איצטער געדאַרפט מאַכן נאָך גויטיקער ווי פריער. נאָך טראָגנדיק די האַנט אויף א פּעטליע, איז עליע צוריק אריין אין צעך, זיין הילף איז נויטיק געווען ביים איבערשטעלן דעם פּראָפיל פון דער פּראָדוקציע, וואָס עס איז אָנגעקומען מיט גרויסע שוועריקייטן. די ערשטע פּראָדוקציע איז נישט געווען קיין שווערע. מען האָט געדארפט מאַכן א ווייניק קאָמפּליצירטע דעטאַל פון 4 טיילן. זי האָט אָבער געמוזט זיין זייער פּרעציז ארויסגעענדיקט און האָט פאַרנומען פיל צייט, דער צאָליקער עפעקט איז געווען א נישטיקער. די באַדייטונג פון דער באשטעלונג איז געווען גרויס, וועגן דעם האָט עדות געזאָגט דער פאַקט, וואָס יעדן אָוונט נאָך דער אַרבעט פלעגן אויפן זאוואָד פאַרפאָרן מיליטערישע לאסט-אויטאָס און צונעמען די גאַנצע פאַרטיקע פּראָדוקציע. עליע איז נישט צופרידן מיט די רעזולטאַטן פון דער אַרבעט און זיצט שוין אַ פּאָר טעג אין דער מאַשין-אָפּטיילונג. ער וויל פּשוטער מאַכן דעם פּראָדוקציע-פּראָצעס, איבערוואַרפן אויף די מאַשינען דעם גרעסטן טייל פון דער ארויסענדיקונגס-אַרבעט און דורך דעם פאַרשנעלערן די פּראָדוקציע. ער ליידט פיל פון דעם, וואָס זיין האַנט הענגט נאָך אויף דער פּעטליע און קאָן נאָך אליין נישט מאַכן קיין עקספּערימענטן, אָבער אַדאַם, וועלכער איז פאַר דער צייט געוואָרן אַ פּאַכמאַן, פירט פּינקטלעך און געדולדיק אוים אלע זיינע אָנווייזונגען, ביז אין רעזולטאַט פון פיל אָנשטרענגונגען ווערט פאַרטיק אַ קאַרעטקע צו דער שנייד-מאַשין. דער פּראָדוקציע-פּראָצעס ווערט איצט צעטיילט אויף עטלעכע מאַשינען. אויסנוצנדיק די שנעלקייט פון די מאַשינען און באַנוצנדיק זיך מיט דינע שנייד-מכשירים, באַקומט ער די נויטיקע פּרעציזקייט און קוואַליטעט פון די דעטאַלן, וועלכע מען דאַרף צום אויפשטעלן דעם פאַרטיקן פּראָדוקט. אריבער 4/5 פון דער האַנט-אַרבעט ווערט עלימינירט, די פּראָדוקציע גייט אַוועק מיט אַ נייעם טעמפּ. אָנשטאָט הונדערטער, מאַכט מען איצט טויזנטער שטיק א מעת-לעת. עליע האָט באַקומען די אָנערקענונג נישט נאָר פון דער דירעקציע, נאָר אויך פון די מיליטער-לייט, וועלכע האָבן אָפּגענומען די פּראָדוקציע. אַ באַזונדערס גרויסן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט די באַגעגעניש מיטן פּאָלקאָווניק, וועלכער האָט אים פעסט געדריקט די האַנט און, דאנקענדיק, אונטערגעשטראָכן: „אייער פאַרשנעלערטע פּראָדוקציע דערלויבט אונדז פאַרטערמיניק אויסצופירן די געשטעלטע דורך סטאַלינען אויפגאַבע“.

עליע האָט איצט שטאַרקער ווי ווען עס איז פריער דערפילט די גרויסע פליכט, וואָס עס ליגט אויף אים. ער האָט זיך דערפילט ווי א זעלנער, כאָטש ער טראָגט

נאָך נישט קיין מונדיר, און סטאַלינס לעצטע ווערטער: „אַלץ פאַרן פראָנט, אַלץ פאַר צעגראָמירן דעם שונא!" — האָט ער אויפגענומען ווי א באַפעל, וואָס איז צו אים געווענדעט. אויך ער נעמט אָנטייל אין אויספירן סטאַלינס באַפעל.

די פאַראָרדענונג ווידער איבערצוגיין צו א נייעם פראָפיל פון דער פראָדוקציע איז אָנגעקומען שנעל און, נישט מאַכנדיק קיין גרויסע הכנות, איז מען באלד צוגעטראָטן צו דער נייער אַרבעט. אייניקע פון דער טעכנישער אָנפירונג און פיל אַרבעטער האָבן זיך אַפילו געפילט געטראָפן, האָבן געהאלטן פאר נישט ערנסט דאָס איבערשטעלן די גאַנצע אָפטיילונג אויף דער פראָדוקציע פון פשוטע קעסטלעך, אין דער צייט, ווען מ'האָט געקאָנט מאַכן פיל קאָמפּליצירטע אַרבעטן. ס'האָט זיך געדאכט, אז דער באַפעל „אַלץ פארן פראָנט!" האָט דאָ נישט קיין אָנווענדונג. די ידיעות פון די פראָנטן זענען אויך נישט געווען קיין דערפרייענדיקע, און פיל, ספּעציעל די יינגערע, האָבן זיך געריסן צום קאַמף, האָבן געשריבן ביטעס פרייוויליק צו גיין אין דער ארמיי. דער קאָלעקטיוו איז נאָך שיטערער געוואָרן, די אויפגאבן גרעסער. די אינטענסיווקייט פון דער ארבעט איז אָבער געפאלן, די אָפּטיילונג האָט געגעבן קוים 40 פּראָצענט פון דער נויטיקער פּראָדוקציע.

— וואָס איז דער אומגליק, — האָבן אייניקע געטענהט, — מיט קעסטלעך שיסט מען דען...?

אין איינעם א פרימאָרגן זענען צום ביוראָ פון זאוואָד פאַרפאָרן עטלעכע לייכטע מאַשינען און ס'האָט זיך ארויסגעזעצט אַ געמישטע גרופּע פון מיליטערלייט און ציווילע. כמעט א גאנצן טאָג האָבן געדויערט פארשידענע באראַטונגען און קאָנפערענצן מיטן טעכנישן פּערסאָנאַל.

בעתן מיטאָג־איבעררייס איז אין צעך אריינגעקומען אזשדאיעוו. זיין מילדער בליק האָט עליען דרייסט געמאַכט, און ער האָט א פרעג געטאָן: וואָס הערט מען?

אזשדאיעוו האָט קורץ געענטפערט:

— מען דארף פינפפאכיק פארגרעסערן די פּראָדוקציע — דאָס איז אונדזער קאמפּס־אויפגאבע.

די קאָמיסיע האָט פאר דער דירעקציע און טעכנישער אָפּטיילונג פון זאוואָד געשטעלט די אויפגאבע: אָנשטאָט די קנאַפּע 200 קעסטלעך א טאָג, ווי ביז איצט, זאָל די פּראָדוקציע אויפגעהויבן ווערן ביז 480 שטיק אין א שיכט. אין רעזולטאַט פון גאַנצן טאָג קאָנפערירן איז די קאָמיסיע מיט דער אָנפירונג פון זאַוואָד צו קיין הסכם נשט געקומען. די אינזשיניערן האָבן מיטן בלייער אין האַנט אויפגעוויזן, אַז ביי דער גרעסטער אָנשטרענגונג פון פאראנענעם קאָלעקטיוו און מאקסימאלן אויסנוצן די טעכנישע קראפט פון די מאשינען איז אין בעסטן פאַל מעגלעך צו הייבן די פּראָדוקציע אויף צענדליקער פּראָצענטער, אָבער נישט אויף הונדערטער,

ווי עס שטעלט אַוועק די קאָמיסיע. שפּעט אין אָוונט האָט די קאָמיסיע דעצידירט רופן צו זיך די בעסטע סטאַכאַנאָווצעס און אויסהערן זייער מיינונג.

זינט דעם געשפּרעך מיט אזשדאַיעוון האָט עליע נישט אויפגעהערט צו קלערן וועגן דער קאַמפּס־אויפגאַבע. פאַר אים איז עס דערווייל געווען נישט מער ווי אַ רעטעניש. ס'האָט זיך אים געוואָלט טרעפן, וואָסערע שריט עס וועלן אונטערנעמען די אינזשיניערן, בכדי צו לעזן דאָס שווערע פּראָבלעם. און אַן אויפגאַבע איז עס געווען אַ שווערע, מיט צוויי אומבאַקאַנטע: ווי פאַרמערט מען די גרויסע צאָל פעלנדיקע אַרבעטער און ווי צווינגט מען די מאַשינען אַרויסצוגעבן פיל מער פּראָדוקציע, ווי ביז איצט.

עליע האָט שוין אין געדאַנק איבערגעוואָרפן די ציפערן און איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אין דעם איצטיקן צושטאַנד, ווי דער צעך איז איינגעאָרדנט, איז לעזן די אויפגאַבע אַ חלום. זיין בליק האָט זיך פאַרטשעפּעט אין דער 4־זייטיקער מאַשין, וואָס שטייט שוין אַ שטיק צייט ליידיק צוליב עפּעס אַ דעפעקט און מען קאָן זי נישט לאָזן אין גאַנג. ס'פעלן אויס פאַרבייט־טיילן, און ס'איז אַ גרויסער שאָד — אַ גרויסע גבורה ליגט אין אָט דער מאַשין. אָבער די פּראָוויזאָרישע אויסרעכענונגען ווייזן, אַז ווען אפילו די מאַשין אַרבעט שוין, וואָלט נאָך אויך נישט געווען גוט, צו פינפפאַכיקייט וואָלט נאָך אַ סך געפעלט. — ס'איז ממש אַ שאָד זיך צו ברעכן דעם קאָפּ.

די מאַשינען רוישן אָן אויפהער. עליע שטייט און קוקט זיך צו, ווי די אַרבעטער ווימלען זיך איבערן צעך. מ'קאָן קיינעם גאָרנישט פאָרוואַרפן, מ'אַרבעט אינטענסיוו. אָט איז אַ ברעט אַרויס פון דער העבליאַרקע. דער אַרבעטער האָט זי גלייך אונטערגעכאַפּט און אַוועק צו דער פרעזאַרקע, פון דאַנען כאַפּט זי אונטער אַ צווייטער און גייט צו דער זעג; אַזוי דויערט עס ווייטער, ביז ס'פאַרמאַכט זיך דער פּראָדוקציע־פּראָצעס. אַלץ איז, דוכט זיך, פּינקטלעך אויסגערעכנט. קאָנסט פון פּראָצעס נישט אַראָפּנעמען אפילו איין מענטש. עס וואַרפט זיך אים אָבער אין די אויגן דאָס אַרומקרייזן פון די אַרבעטער איבערן צעך, פון מאַשין צו מאַשין, און אַ געדאַנק שיינט אויף אין מוח — ווי וואָלט אויסגעזען, למשל, ווען מען גיט אַ דריי איבער די מאַשינען און אַ שטעל אויס אַנדערש, מען זאָל נישט דאַרפן אַרומגיין מיט די ברעטער און פטרן אומזיסטע צייט. עליע זעצט זיך אויף אַ קעסטל און ציט אַרויס דעם זייגער פון קעשענע. נאָך אַ קורצער אָבסערוואַציע קומט ער ממש צו אַ רעוואָלירנדיקער אַנטדעקונג. כמעט אַ העלפט צייט פון די אַרבעטער פאַרשלינגט דאָס אַרומגיין פון מאַשין צו מאַשין, דערביי האָבן די מאַשינען איבעררייסן אין דער אַרבעט, ווען דער אַרבעטער איז אין וועג. פון דעם איז דער אויספיר, אַז ווען מ'שטעלט איין די מאַשינען איינע נעבן דער אַנדערער, ווי אויף אַ שאַך־ברעט, לויטן פּראָדוקציע־ציקל, וואָלט די מאַשין־אָפּטיילונג געקאָנט אַרויסגעבן מינימום צוויי

מיט אַ האַלבן מאָל מער פּראָדוקציע. אייניקע געהילפֿס־אַרבעטער וואָלטן נאָך געקאָנט איבערגיין פֿון די מאַשינען צו דער אַרויסגעדריקונג פֿון דער אַרבעט.

אַרייַנגעטאָן אין די אויסרעכענונגען, האָט עליע אַפֿילו נישט באַמערקט, ווי ס'איז אַריבערגעלאָפֿן דער צווייטער האַלבער טאָג. איבערגעבנדיק אַדאַמען די שיכט, גייט ער אַרויס פֿון צעך. ער האָט נאָך אַפֿילו געוואָלט אַרייַנגיין צו אַזשדאַיעוון. זיין קאַבינעט איז אָבער געווען פֿאַרמאַכט, האָט ער זיך געלאָזט אַהיים.

די קאָמיסיע האָט דערווייל געטאָן איר אַרבעט. עטלעכע פֿון די בעסטע אַרבעטער האָבן שוין געזאָגט זייער מיינונג, נישט אַרייַנטראָגנדיק גאָרנישט וועזנטלעכעס אין ענין. פֿיל האָבן אָנגעוויזן אויף דער נישט אַרבעטנדיקער פּירזייטיקער מאַשין, ווי אויף דעם איינציקן רעזערוו אין די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען. די לאַגע האָט אויסגעקוקט צו זיין אָן אַן אויסוועג.

אַגעיעוו, דער סעקרעטאַר פֿון שטאָטישן קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי, האָט געקענט די בעסטע מענטשן פֿון זיין געביט. ער וואָלט אַפֿילו געקאָנט אויסרעכענען די וויכטיקסטע אויפֿטוען פֿון די באַזונדערע סטאַכאַנאָווצעס, און ס'האָט אים באַנג געטאָן, וואָס אָט די מענטשן — סטאַכאַנאָווס נאָכפֿאָלגער, קאָנען גאָרנישט אויפֿטאָן איצט, אין אַזאַ ערנסטער פֿאַרן פֿאָטערלאַנד צייט. ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, ווען אַגעיעוו האָט זיך דערמאָנט וועגן ווישניאַקן, און ער האָט גלייך אַ פֿרעג געטאָן דעם דירעקטאָר: פּאָטשעמו זדיעס יעשטשאָ ניע בילאָ עטאָוואָ פּאָליאַטשקאַ, אָ קאָטאָרים בילאָ וו פּיעטשאַטי?

נאָך עליען איז גלייך אַוועקגעפֿאָרן אַ מאַשין.

נישט דרייסט איז עליע איבערגעטראָטן די שוועל פֿון ביביקאָווס קאַבינעט. אַגעיעוו האָט אים אָנגעוויזן, ווו זיך צו זעצן, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנץ לויזער שמועס, אין וועלכן ס'האָבן זיך גלייך אָנגעשלאָסן די אומבאַקאַנטע פֿון דער קאָמיסיע. זיי האָט אינטערעסירט פּוילן אין דער צייט פֿון איבערפֿאַל — ווי עס זעען אויס די דייטשישע פֿאַשיסטן, וואָסער אינדיווידועלן געווער זיי טראָגן אַאוו. שפּעטער האָט ער דערציילט וועגן זייערע אַכזריותן, וועגן זיין אַנטלויפֿן קיין ראַטנפֿאַרבאַנד און וועגן די געפֿאַרן, וואָס האָבן אויף אים געלויערט מצד די פֿאַשיסטישע מערדער. זיין גליק, וואָס ס'איז אים געלונגען, אָבער ווי גרויס איז דער אומגליק פֿון די, וואָס איז זיי נישט געלונגען, אָדער זענען געבליבן דאָרטן — זייַנע עלטערן, משפּחה, חברים... אין קאַבינעט איז געווען שטיל, אַלע האָבן מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם אויסגעהערט, וואָס עליע דערציילט, און דער אומבאַקאַנטער, וואָס איז געזעסן ריכטיק קעגנאיבער אים, האָט אויפֿן קול געמאַכט דעם אויספֿיר: נאַשאַ זאַדאַטשאַ איזבאַוויט' טשעלאָוויעטשעסטוואָ אָט עטאָי טשומי".

דעם שמועס האָט ווייטער געצויגן דער מיליטערמאַן, אַ פּאָדפּאָלקאָווניק: „איר זענט, דאַכט זיך, אַ קאָמסאָמאָליעץ?" — עליע האָט באַשטעטיקט. „אונדזער

פירער און לערער, דער חבר סטאַלין, — האָט דער פּאַדפּאָלקאָווניק פאַרגעזעצט, — האָט אונדז באַפוילן אַלץ צו שטעלן אין דינסט פון פראָנט, כדי שנעלער צו צעקלאַפּן די פאַשיסטישע האָרדעס און באַפרייען אויך אייער שיין פאָטערלאַנד, אָבער נישט אַלץ קאָנען מיר שיקן אויפן פראָנט, ווייל איר גיט צו ווייניק טארע (פּאַקונג, קעסטלעך) פאַר דער אַמוניציע. מיר דאַרפן האָבן טויזנט קעסטלעך א מעת־לעת. אייער זאַוואָד מאַכט קוים צוויי הונדערט. איר זענט א סטאַכאַנאָוויעץ, אַ ראַציאָנאַליזאַטאָר, גיט א טראַכט, צי איז טאַקע נישט מעגלעך צו מאַכן מער?

אין קאַבינעט איז שטיל געוואָרן, אַלע האָבן אין שפּאַנונג דערוואַרט, וואָס ס'וועט זיין — צי וועט ער זאָגן עפּעס מער פון אַנדערע?

ווען עליע האָט מיט א נישט דרייסטער שטים געזאָגט דאָס אים דאַכט זיך, אַז מ'קאָן יאָ עפּעס מאַכן, איז אין צימער געוואָרן אַ באַוועגונג. דער הויפּט־אינזשיניער איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן א שמייכל פון גרינגשעצונג.

— דערוויז, אַז מען קאָן! דערוויז! — האָט ער אויסגערופן. עליע האָט זיך פאַרלוירן. דער פּאָלקאָווניק האָט דעם אינזשיניער גערופן צו אָרדענונג — געמאַכט אים אויפמערקזאַם, אַז דאָס וואָרט געהערט נישט אים. עליען האָט שוין גענומען באַנג טאָן, וואָס ער האָט זיך אַריינגעמישט. אפשר איז זיין לעזונג קיין לעזונג נישט. אָבער צוריקציען זיך איז נישט געלעגן אין זיי נאַטור. דעם פּאָלקאָווניקס מילדער בליק האָט אים צוגעגעבן דרייסטקייט, און ער האָט ווייטער גענומען רעדן:

— אַנטשולדיקט, חברים, מעגלעך, אַז איך האָב א טעות, אָבער היינט בייטאָג האָב איך וועגן דעם ענין געטראַכט און מיר שיינט, אַז ווען מיר פירן דורך אַן איבערגרופּירונג פון די מאַשינען אין איינקלאַנג מיטן פּראָדוקציע־פּראָצעס, וואָלט זיך געהויבן די פּראָדוקציע. עליע איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער עולם האָט זיך פאַרטראַכט. נאָך אַן אָטעם־פּויזע האָט ער צוגעגעבן: דאַן וואָלטן די אַרבעטער פאַרשפּאָרט אַרומשפּאַצירן איבערן צעך, און די מאַשינען וואָלטן געאַרבעט אָן איבעררייס.

די באַראַטונג האָט זיך פאַרענדיקט. עליע ליגט אויפן געלעגער, דרייט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער און קאָן נישט איינשלאָפן. ער טראַכט — די אינזשיניערן האָבן זיך אַוועקגעזעצט צו פּאַנאַנדערפּלאַנירן די רעאָרגאַניזאַציע, וואָס וועלן זיי באַשליסן?

אין דער פרי איז אַלץ געווען פאַרטיק, און די קאָמיסיע האָט באַשטעטיקט דעם פּלאַן. אין צעך איז גלייך איבערגעריסן געוואָרן די אַרבעט. אויף דער קורצער מאַסוּוקע האָט דער הויפּט־אינזשיניער אויפגעקלערט דעם פּלאַן און צילן פון דער רעאָרגאַניזאַציע. די אַרבעטער זענען איינגעטיילט געוואָרן אין באַזונדערע גרופּן.

יעדע האָט באַקומען אַ קאָנקרעטע אויפגאַבע. דעם שאַרפן גערויש פון די האַלב־באַאַרבעטנדיקע מאַשינען האָט איצט פאַרביטן דאָס כּאַאָטישע קלאַפּן פון צענדליקער קילאָפּן אין דער האַרטער צעמענטענער פּאָדלאָגע, עס זענען געלאָזט געוואָרן אין גאַנג די לאָפּעטעס. קיינער האָט נישט פאַרלאָזן זיין פּאָזיציע, ביז די אַרבעט איז איינגאַנצן נישט פאַרענדיקט געוואָרן. 36 לאַנגע שעהן האָבן די אַרבעטער נישט פאַרלאָזט דעם צעך. מיט פאַררויטיקטע אויגן, פאַרמאַטערטע, פאַרשטויבטע, זענען זיי אַרויס פון צעך, ווען אַלע מאַשינען זענען שוין געווען אין גאַנג, און די שיכט האָט נאָרמאַל געאַרבעט. עליע איז אויך דאַן נישט אַוועק אַהיים, כאָטש די אויגן האָבן אים ווי געטאָן און האָט געפילט אין די גלידער אַ שווערקייט, ווי מיט בליי אָנגעגאָסן. אים האָט אינטערעסירט דער אַרבעטס־ציקל — די רעזולטאַטן פון דער רעאָרגאַניזאַציע. די ערשטע איינדרוקן זענען געווען באַפרידיקנדיקע. די מאַשינען האָבן איצט געאַרבעט אָן איבעררייס, די ברעטער זענען געגאַנגען פון מאַשין צו מאַשין, עס זענען עלימינירט געוואָרן פיל איבעריקע באַוועגונגען. די אַרבעט איז איצטער פיזיש לייכטער געוואָרן. עליע איז צופרידן, די אומרואיקייט איז פאַרשוווּנדן, ער האָט שוין איצט אויפגעהערט צו צווייפלען אין ענדגילטיקן סך־הכל, כאָטש אין פּראָצענטער האָט מען אים נאָך נישט געקאָנט באַצייכענען. די געשפּאַנטקייט פון די נערוון האָט אָפּגעלאָזט, די פאַרמאַטערטקייט האָט זיך געשטאַרקט, די אויגן האָבן זיך געגומען פאַרמאַכן, ער האָט זיך דערשלעפּט צום באַרג סטרוזשינעס און אין זיי זיך פאַרגראָבן. אַ ליבע וואַרעמקייט איז זיך צעגאַנגען איבער אַלע גלידער, און ער איז מאָמענטאַל פאַרזונקען געוואָרן אין טיפן שלאָף.

די אַרבעט אין דער סטאָליערײַ איז וואָס ווייטער געגאַנגען בעסער. גלייך דעם ערשטן טאָג איז די פּראָדוקציע געוואַקסן אויף אַריבער 100 פּראָצענט. ס'האָבן זיך אָבער געשאַפן פרישע שוועריקייטן, וואָס האָבן נישט דערלויבט אויפצוהייבן די פּראָדוקציע ביזן נויטיקן ניוואָ. ס'האָט זיך געשאַפן אַ שמאָלער גאָרגל. זיין סיבה איז געווען די צו קליינע דורכלאָז־קראַפט פון די פרעז־מאַשינען. ווידער האָט מען געקוקט אויף דער 4־זייטיקער מאַשין און גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן — מען מוז וואַרטן אויף די פעלנדיקע טיילן. 320 קעסטלעך גיט שוין אַרויס בלויז זיין שיכט, ווען נישט דער שמאָלער גאָרגל, וואָלט מען אָן צווייפל געקאָנט דערגיין ביז 500. אָבער גיי מאַך! דערגיי...

ס'איז מיטאָג־איבעררייס. די אַרבעטער זיצן צוזאַמען און עסן. איינער לייענט די ידיעות פון סאָוואינפאָרמביוראָ. אויף די פראָנטן איז הייס, די קאַמפן שווערע. די פאַשיסטן, נישט געקוקט אויף די שווערע פאַרלוסטן, רוקן זיך פאָרויס, די שטימונג איז אָן אָנגעשטרענגטע, די אַרבעטער לעבן עם שטאַרק איבער, דאָס עסן קריכט קוים דורכן גאָרגל, מיט 400 קעסטלעך אַמוניציע מער קאָן יעדן טאָג אַוועקגיין אויפן פראָנט, וואָס קאָן זיין נויטיקער? עליע אָבסערווירט וואַכזאַם. צוויי

גראָבע שטיקלעך ברויט האַלט ער איינס אויפן אַנדערן, מיטן מעסער שניידט ער גלייכצייטיק פון ביידע שטיקלעך און לייגט אין מויל אריין — אַ פּאַרטיקע ראַציאָנאַליזאַציע, אָנשטאָט איין שטיקל — צוויי, מיט הונדערט פּראָצענט מער. עליע וויל פאַנאַנדערלאָזן די אָנגעשטרענגטע אַטמאָספער, און אין פאָרם פון אַ וויץ רופט ער זיך אָפּ: „וואָלאָבויעוו! דו דאַרפסט דיין ראַציאָנאַליזאַציע מעלדן אין קאַנטאָר און באַקומען אַ פּרעמיע, און שוין צו אַלעמען — מיט דער האַנט־מאַשין באַאַרבעט ער גלייך צוויי ברעטער — ווייזט ער אויפן ברויט — און באַהאַלט זיי אויף שטענדיק אין קעלער. ס'איז נאָך אָבער אַ פראַגע, צי ער עסט זיך אָן פאַר צוויי...‟ חברה שיסט אויס מיט אַ געלעכטער, וואָלאָבויעוו הייבט אויף אַ בייזן בליק...

אָבער עליע האָט זיך פאַרטראַכט — איין מאַשין צוויי ברעטער, איין מאַשין צוויי ברעטער... פאַרוואָס טאַקע נישט פּרווון. דאָס איז דאָך אַ גליקלעכער איינפאַל: צוויי ברעטער איינס אויף דעם אַנדערן, די מאַשין נעמט אַרויס בלויז איין שפּונט און לאָזט פעלסן אין צוויי ברעטער — דאָס איז דאָך טאַקע 100 פּראָצענט מער. עליע גיט אַ שפּרונג אויף פון אָרט, לויפט צו צו וואָלאָבויעוון, דריקט אים די האַנט און, נישט אַרויסרעדנדיק אַ וואָרט, אַנטלויפט ער אין דער מאַשין־אָפּטיילונג. די אַרבעטער קוקן אים נאָך און הייבן מיט די אַקסלען.

עליע האָט געמאַכט די פּראָבן. די דורכלאָז־קראַפט פון די פרעז־מאַשינען איז פאַרדאָפּלט געוואָרן. דער אויפטו איז באַצייכנט געוואָרן און אַריין אין דער געשיכטע פון זאַוואָד אַלס „וואָלאָבויעווס ראַציאָנאַליזאַציע‟. דער שמאָלער גאָרגל איז ליקווידירט געוואָרן, אייגקורצן האָט עליעס שיכט דערגרייכט 520 קעסטלעך.

עליע האָט אַוואַנסירט אין דער אַרבעט. ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס הויכקוואַליפיצירטער מייסטער פון דער סטאָליערײַ־אָפּטיילונג.

די צייט איז געלאָפן. ס'האָט זיך שוין באַוויזן אָנצורוקן דער האַרבסט. די קאַמפן אויף די פראָנטן זענען פאַרביסענער געוואָרן. די פאַשיסטישע שלאַנג האָט זיך גערוקט פאָרויס און איצט דירעקט באַדראָט קובאַן — איר הויפּטשטאָט ראָסטאָוו אויפן דאָן. די באָמבאַרדירונגען זענען אָפטער געוואָרן, לופט־שלאַכטן אויף די צוטריטן פון דער שטאָט זענען געווען אָן אָפטע דערשיינונג. עס איז געקומען אַ באַפעל צוגרייטן די עוואַקואַציע פון זאַוואָד און זיינע אַרבעטער. ערנסטע, פאַרשלאָסענע, קאָנצענטרירטע אין זיך האָבן זיך די אַרבעטער גענומען צום דעמאָנטאַזש, פאַרפּאַקן די מאַשינען און איינריכטונגען. די אַרבעט האָט געדויערט טאָג און נאַכט אָן איבעררייס. גלייכצייטיק האָבן זיך געפּאַקט די משפחות פון די אַרבעטער. צוויי וואַסער־קראַנען האָבן אָן אויפהער געאַרבעט ביים אָנלאָדן אַלץ אויף די באַנשעס. אין דער ריכטונג פון קאַלאַטש האָט געדירט אַ לאַנגער צוג —

בארזשעם, באַגלייט דורך א פּאסאזשיר־דאַמפּער, וועלכער האָט געפירט די ארבע־טער מיט זייערע משפחות.

דער וועג האָט עליען אויסגעזען צו זיין אומענדלעך לאַנג. די טעג אָן ארבעט האָבן אים געלאַנגווייליקט און זיך געצויגן אָן א סוף. ווען דער טראַנספּאָרט איז ענדלעך אָנגעקומען קיין קאלאטש, און עליע האָט דערזען די פול פּאַרלייגטע ברעגן פון טייך מיט פארשידענע עוואקואירטע פאבריקן און זאַוואָדן, איז אים נאָך טרוי־עריקער געוואָרן אויפן הארצן. זייער ריי אויף וואַגאָנען איז געווען א ווייטע, און וואַגאָנען איז געווען ווייניק. עליע האָט אָפּגעשאצט, אז אין בעסטן פאַל, ביז ער וועט מיטן זאַוואָד קומען קיין נאָוואָסיבירסק, וועלן אוועקגיין חדשים. עליע איז אויף דעם נישט מסכים, צוזאמען מיט אדאמען גייען זיי צום קאלאטשער מילי־טערישן קאָמענדאַנט, דערציילן נישט דעם אמת, אז זיי זענען בראָנירט דורכן זאַוואָד און שרייבן אָן ביטעס פרייוויליק צו גיין אין דער ארמיי. זייער ביטע ווערט דערפילט — זיי ווערן איינגעגלידערט אין א מאשינען־געווער־קאָלאָנע פון דער 5־טער ארמיי. אָבער עליען איז נישט באַשערט געווען זיך צו שטעלן פּנים־אל־פּנים מיט די פאשיסטן. ער ווערט איבערגעטראָגן אין א טעכנישער רעזערוו־אָפּטיילונג נומ. 257 פון דער 5־טער ארמיי. איצט ארבעט ער ביים פארזיכערן די פּאָזיציעס פון די קעמפנדיקע אָפּטיילונגען, ביים בויען נייע פארטיידיקונגס־פּונקטן און ביים צוגרייטן דעם נויטיקן פּאָטענציאַל, די 5־טע ארמיי זאָל קאָנען איבערגיין אין אָנ־גריף קעגן די פאשיסטן. עליע בייט אין פאַרלויף פון דער צייט זייער אָפט דאָס אָרט. דאָ איז ער אין סטאַלינגראַד אויפן זאַוואָד „קראַסני אָקטיאַבר“, דאָ איז ער אויף די צוטריטן פון דער שטאָט ביי די שאַנץ־אַרבעטן, ביים צוגרייטן די באַרימטע סטאַלינגראַדער פאַרטיידיקונגס־ליניעס. בעת דער פאַשיסטישער בויגן גרייכט שוין ביז די וואַסערן פון דער וואָלגע, עוואקואירט זיך זיין אָפּטיילונג אין טשקאַלאָווער געביט, אין א סאָווכאָז, וועלכער באַזאָרגט סטאַלינגראַד מיט ברויט. שפּעטער איז ער אין מאַגניטאָגאָרסק — אויפן אוראַל, אויפן מעטאַלורגישן קאָמבינאַט א.נ. פון י. וו. סטאַלין. אין יאָר 1944 געפינט ער זיך אין זלאַטאָוסט אויף דער עלעקטרי־שער אָפּטיילונג פון טשעליאַבינסקער טראַקטאָרן־זאַוואָד (טש.ט.ז.). שטענדיק און אומעטום איז ער פון די ערשטע. ער האָט נישט געפילט קיין פאַרמאַטערטקייט. אויספירן די געשטעלטע אויפגאַבן פון דער אָנפירונג איז געווען דער אינהאַלט פון זיין לעבן אין אָט די אַלע מלחמה־יאָרן. יעדער נצחון פון די סאָוועטישע אָפּטיי־לונגען האָט אים צוגעגעבן כוח, מוט און אויסדויער. ווען ער האָט זיך דערוווסט, אַז די סאָוועטישע און ביי זייער זייט די פּוילישע זעלנער האָבן באַפרייט כעלם און לובלין, און אַז זיי מאַרשירן שנעל אויף וואַרשע, האָט ער געוויינט פון גליק, כאָטש ער האָט זיך קיין אילוזיעס נישט געמאַכט בנוגע דעם גורל פון זיינע נאָענטסטע און ליבסטע. א פּונק פון האָפענונג האָט אָבער פאַרט געטליעט טיף אינעווייניק. אפשר...

דעמאָביליזירט זיך פון דער ארמיי, האָט עליע ווייטער געארבעט אויפן טש.ט.ז. ער האָט אָנגעבונדן א קאָנטאַקט מיטן פארבאנד פון די פוילישע פאַטריאָטן, אָבער ווען ס'איז געקומען די צייט פון דער רעפּאַטריאַציע, און די פוילישע בירגער זענען געפאָרן אָפּבויען דאָס פאַרניכטעטע דורך די פאשיסטן פאָטערלאַנד, איז נאָך עליע לאַנג געזעסן און נישט געקאָנט פאָרן, ווייל זיינע ציווי־לע דאָקומענטן האָבן זיך געפונען ערגעץ ווייט — אין קאלאטשער וואָיענקאָמאַט אָדער ערגעץ אַנדערש. קוים אין יאָר 1947 ווערן אָפּגעזוכט זיינע דאָקומענטן, און ער פאָרט אהיים אין באַנייטן פאָטערלאַנד. ס'טוט אים באַנג, וואָס ער פאָרט אליין, וואָס זינט ער האָט אדאמען איבערגעלאָזט אין טשקאלאָווער שפּיטאָל, האָט ער נישט געקאָנט אָנבינדן מיט אים קיין קאָנטאַקט און ווייסט אפילו נישט, וואָס מיט אים איז געשען. אפשר איז ער שוין גאָר אין דער היים.

אין באַנייטן פאָטערלאַנד

און אָט איז ווידער דער אויסגעטרוימטער וואָלאָצלאַווקער וואָקזאַל, דער זעלבער, וואָס מיט 7 יאָר צוריק, ער איז בלויז עלטער געוואָרן — גרוי. עליע יאָגט זיך נישט, ער באַטראַכט דעם ארום און זוכט פארשידענע אייגנצלהייטן, וועלכע האָבן זיך אים איינגעקריצט אין זכרון אין די קינדער־ און יוגנט־יאָרן. אלץ איז אים דאָ ליב און טייער ,רופט אַרויס דערינערונגען. אָט צו דער בילעטן־קאַסע איז ער צוגעקומען אין מיטן האַרבסט־טאָג פון טראַגישן יאָר 1939. אָט דורך דער טיר איז ער ארויס אויפן פעראָן, דער צוג איז געשטאַנען אַנטקעגנאיבער...

פאַמעלעך, טריט נאָך טריט גייט עליע איבער די וואָלאָצלאַווקער גאַסן. וואָרן וואָס האָט ער זיך צום יאָגן. אָט איז קרוליעווי־עצקע־גאַס נומ. 7. נישטאָ קיין סימן פון דער בודע, ווו דער טאַטע האָט זינט צענדליקער יאָרן געפירט דעם טאָקער־ווארשטאַט. פון דעם הילצערנעם הויז, ווו זיי האָבן געוווינט, איז קיין זכר נישט געבליבן. דער הויף האָט אים אויסגעקוקט גרוים און פרעמד, פונקט ווי נישט ער איז דאָ געבוירן און דערצויגן געוואָרן, פונקט ווי נישט דאָ האָט אים קורקאָווסקי דער דאָזאָרצע ארומגעיאָגט, געוואָלט אָנברעכן די ביינער פארן שלאָגן זיך מיט יוזעקן — זיין זינדל. פון דאנען איז ער אַוועק אין שולע און שפעטער צו גאָלדמאַנען אין סטאָליעריי, דאָ האָט ער געטיילט די ליידן און פריידן צוזאַמען מיט די נאָענטסטע — טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער.

דער אלטער קורקאָווסקי האָט זיך באוויזן אין הויף. עליע האָט אים גלייך דערקענט, כאָטש ער האָט זיך באַדייטנדיק געעלטערט. די טריט זיינע זענען שווערער געוואָרן, דער בליק טעמפ, אָפגעשוואַכט, די האָר, וואָס האָבן מיט א רעמל ארומגענומען דעם פליכעוואַטן קאָפ, ווייס ווי שניי. עליע האָט געמוזט זאָגן, ווער ער איז, אַנדערש האָט זיך יענער נישט דערמאָנט דעם ייִנגסטן ווישניאַק — דעם גרעסטן שטיפער פון הויז.

— כ'בין שוין אַלט, — האָט ער זיך פארענטפערט, — זינט די מערדער האָבן מיין יוזעקן דערהרגעט, פיל איך זיך קראַנק און זע שוואַך.

— אפשר ווייסט איר עפּעס וועגן גורל פון מיינע אייגענע? — האָט עליע געפרעגט. אָבער קורקאָווסקי האָט אים ווינציק וואָס געזאָגט:

— אַרויסגעפירט האָט מען זיי. ווו? ווייס איך נישט. וואָלסט געפרעגט די יידן, וואָס וווינען דאָ אין וולאָצלאַוועק, זיי ווייסן געוויס בעסער פון מיר. מיין יוזעקן געדענקסטו?

עליע זיצט ביי פינקעלשטיינען אין דער היים און הערט זיך אויפמערקזאַם צו, נישט צו פאַרלירן אַ וואָרט: „פון אָנהייב האָט מען אונדז געבראַכט אין לאַגער פון מילענטשין. דו ווייסט דאָך געוויס, ווו דאָס איז, די באַן פאָרט דאָרט דורך דערנעבן. דאָרט האָבן די דייטשישע פאַשיסטן אויסגעקליבן א נישט גרויסע גרופּע געזונטע מענער און אוועקגעפירט אין א לאַגער אין פויזנער קאַנט. איך, דיין פאָטער און צוויי ברידער זענען אריין אין דער גרופּע. יעדן טאָג האָט מען אונדז געפירט צו שווערע פיזישע אַרבעט אויפן דערנעבנדיקן זאַוואָד. געגעסן האָבן מיר א קרענק: אין דער פרי און אין אָוונט אַ ביסל מוטנע וואַסער אָנשטאָט קאַווע, בייטאָג א ליטער שיטערע פליסיקייט, וואָס האָט געהייסן זופּ. דער ביסן ברויט, געמישט מיט פּילינעס פון האָלץ, פלעגט זיך פאַרטשעפּען אין האלדז. אָבער דאָס איז געווען דאָס איינציקע עסן, וואָס האָט אונטערגעהאלטן דעם דארן גוף. א שטיק צייט האָב איך געארבעט צוזאַמען מיט דיינע, זיי האָבן זיך געהאלטן העלדיש — הערש, דער טאַטע. איך בין געווען א פעסימיסט, זיי, פארקערט, זענען געווען פול מיט בטחון. אין יאָר 1944 איז געשען אַן אומגליק — דער פאָטער איז שוואַך געוואָרן. הערש מיטן אנדערן ברודער האָבן געטאָן אַלץ, כדי אים אונטערצוהאלטן, האָבן אים אַוועקגעגעבן דעם לעצטן ביסן פון מויל. ער האָט זיך א ביסל געשטאַרקט, אָבער נישט אויף לאַנג. דאָס לעצטע מאָל איז ער אַרויס צום אַפּעל, האָט זיך געשטעלט מיט אונדז אין די רייען. די געשוואָלענע פיס זענען שוין נישט געווען אימשטאַנד צו טראָגן דאָס פעקל ביינער, וועגן ארבעטן איז שוין אָפּגערעדט. ער האָט זיך אָנגעלענט אין די יאטן און גענומען גיין צוזאמען מיט אַלע. ער האָט געוווסט, אז בלייבן אין לאַגער אין דעם צושטאַנד איז א זיכערער טויט, מען וועט אפילו נישט ווימן, ווו זיין געביין איז אהינגעקומען, אזעלכע זאַכן זענען געווען א טאָגטעגלעכע דערשיינונג אין דעם גיהנום. ס'איז אָבער נישט געלונגען אָפּצונארן די בייזע חיות, זיי האָבן באַמערקט און אים ארויסגעשלעפּט — מער האָבן מיר אים נישט געזען.

הערש האָט שטאַרק איבערגעלעבט און איז אינקורצן קראַנק געוואָרן, דער יינגערער האָט פון עגמת־נפש געטיילט זייער גורל.

איך און נאָך אַ קליינע גרופּע האָבן מזל געהאט, זיי האָבן נישט באַוויזן, סאָוויעטישע טאַנקען האָבן זיך דורכגעריסן...“

פינקעלשטיין האָט געענדיקט. עליע איז געזעסן ווי פארשטיינערט, מיטן פּנים באַהאַלטן אין די הענט.

די מענטשהייט האָט זיך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה דערוווסט וועגן אָשוויענטשים, מײדאנעק, גראָס־ראָזען... אָבער נישט אַלע ווייסן, אַז פונקט ווי נעבן ביאַליסטאָק איז געווען פיעטראַשע, נעבן ווילנע דער פּאָנאַר אאַ., ווו די פאשיסטישע מערדער האָבן אין דער שטיל פארניכטעט צענדליקער טויזנטער יידן, אַזוי איז נעבן וולאָצלאַוועק — אין מילענטשין פארלייגט געוואָרן א מאָרד־קאָמבינאַט. דאָרט זענען צווישן צענדליקער טויזנטער אנדערע אומגעבראכט געוואָרן עליעס מאַמע מיטביידע שוועסטער. ער איז געבליבן איינער פון דער משפחה.

טשעשעלסקי האָט זיך מיט עליען שטאַרק דערפרייט. זיין פרוי האָט גלייך גענומען גרייטן צום טיש, ס'האָט זיך אויך געפונען א האלב ליטערדיק פּלעשל משקה צו באַגיסן די באַגעגעניש. עליע קוקט אָן זיין אַמאָליקן קאמפּס־חבר פון „צעלולאָזע" און באַמערקט די גרויסע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין אים. די שיטערע האָר אויפן קאָפּ כמעט אינגאנצן גרוי, שלעפּט צו א פּוס, אויפן פּנים האָבן זיך געלייגט קנייטשן, די באַוועגונגען זענען שווערע. עליע פרעגט נישט. ער ווייסט גענוי, פון וואַנען דאָס שטאַמט, נאָר זייער שמועס איז במילא אַרויף אויף דער טעמע. איצט האָט ער דערקענט דעם אַמאָליקן טשעשעלסקי, זיין פּיל־באַרקייט אויף מענטשלעכע עוולות און ברען אין קאַמף קעגן אומרעכט, זיין טיפן האַס, וואָס האָט אים ארויסגעפירט אויפן וועג פון אקטיוון קאַמף מיטן אָקופּאַנט. עליע פון זיין זייט האָט געמוזט דערציילן וועגן ראטנפארבאנד, וועגן לעבן, וועגן דער אַרבעט, וועגן קאַמף. צוויי טעג האָט אים טשעשעלסקי נישט אָפּגעלאָזן. עליע האָט ביי אים גענעסן און געשלאָפן און צום סוף האָט ער אים שטאַרק צוגערעדט צו בלייבן אין וולאָצלאַוועק זיך איינאָרדענען, אַרבעטן, צוזאַמען וועט זיין פרייליכער. אָבער עליע האָט דעם נישט געוואָלט הערן. צופיל טראַגישע דערינערונגען, צופיל ווייטיקדיקע דערמאָנונגען וועט ער דאָ האָבן. אויב שוין אָנהייבן אַלץ פונדאָסניי, איז זאָל זיין אויף א נייעם אָרט, זאָל זיין אויף די צוריק דעראָבערטע געביטן.

— וועלכע ריכטונג קלייבט מען אויס? ווראָצלאַוו אָדער שטשעטשין? שטשעטשין איז א פּאָרט־שטאָט, קיין ים האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען, כאָטש ער איז שוין באַלד אַ האַלבע וועלט אויסגעפאָרן.

געקומען קיין שטשעטשין, האָט זיך עליע אַ ביסל אַנטוישט. דער באַלטיק, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז 70 קילאָמעטער ווייט פון שטאָט. ס'האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט א ים חורבות פון צעשטערטע הייזער, פאַרשאָטענע גאסן און געפלעדערטע און צעשטערטע בריקן. ס'איז אים אומעטיק געוואָרן אויף דער נשמה, און ער האָט שוין צוריק געוואָלט אריין אין וואָקזאַל, זיך דערוויסן, ווען עס גייט אָפּ דער נאָענטסטער צוג קיין ווראָצלאַוו. מיט גרויס מוטל איז אָבער אָנגעקומען

א טראמוויי. נישט לאַנג געקלערט, האָט זיך עליע אין אים אריינגעזעצט און געקומען אויף „ניעבושעוואָ“. דאָ איז אים פריילעכער געוואָרן אויפן האַרצן, כאָטש עס האָבן אויך אין דעם טייל שטאָט נישט געפעלט קיין צעשטערטע הייזער. אין וואָיעוואָדישן יידישן קאָמיטעט איז עליע אויפגענומען געוואָרן דורכן פאָרזיצער ל. באָרענשטיין. זיי האָבן זיך דערקענט און דערפרייט איינער מיטן אַנדערן. באָרענשטיין איז אַמאָל אין וולאָצלאַוועק געווען אַן אָפטער אַריינגייער צו די ווישניאַקס, מיט הערשן האָט אים פאראייניקט א פערזענלעכע פריינדשאפט און געמיינזאַמע אַרבעט אין דער אומלעגאַלער קפפ.

די סטאָלעריי אויף ווילסאָן־גאַס אין שטשעטשין, ווו עליע איז אָנגעקומען ארבעטן, איז געווען אָרגאניזירט דורכן וואָיעוואָדישן יידישן קאָמיטעט אויף קאָאָפּעראטיווע יסודות, און איז טעכניש נישט שלעכט איינגעאָרדנט. עס זענען שוין געווען די נויטיקסטע מאשינען און האנט־מכשירים, אָבער אין פארגלייך מיט די סאָוויעטישע צעכן האָט אים דאָס אַלץ אויסגעזען קליין און נעבעכדיק, ווי שפּילצייג פאַר קינדער. די אַרבעט איז דאָ אויך געווען פיל שווערער, ווי דאָרטן, דעם גרעסטן טייל האָט מען געמוזט אויספירן מיט די בלויזע הענט. וואָלטן אפילו געווען אלע נויטיקע מאשינען, איז גאָרנישט געווען ווו זיי צו שטעלן, די עטלעכע צענדליק באַלמעלאָכעס האָבן געארבעט אין ענגשאפט, זיך ממש געריבן א פּלייצע אָן א פּלייצע. פון אָנהייב איז אים געגאַנגען שווער, ער איז צוגעוווינט געווען צו סטאַנדארטנער מאסן־פּראָדוקציע, און דאָ איז די ארבעט א מארודנע, די בויארבעטן פאָדערן אן אנדער איינשטעלונג, אנדערע מעטאָדן און פאָרמען, אָבער עליע, געטריבן פון דער אַמביציע צו דערווייזן, אַז ער איז נישט סתם אַ בחורל, ברעכט די שוועריקייטן, באהערשט שנעל די נייע טעכנאָלאָגיע, און כאָטש אין ערשטן חודש האָט ער צו די בעסטע נאָך נישט דערגרייכט, איז ער שוין ווייט אנטלאָפן פון די שוואכע, דער „אוראוונילאָווקע“־סיסטעם האָט נאָך אָבער לאנג אָנגעהאַלטן. עליע האָט זיך געבונטעוועט, ס׳האָט אים אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן. אין רעזולטאט האָבן פיל באַלמעלאָכעס קרום געקוקט אויף אים: א שנעק גייט אָנרירן די פאטריארכאלע רעכט פון אלטע מייסטערס, ווו איז דרך־ארץ?!

די „אוראוונילאָווקע“ איז אויך נישט געפעלן געוואָרן אַנדערע ארבעטער, וועלכע האָבן געהאַט הינטער זיך די פּראַקטיק פון די סאָוויעטישע פאַבריקן, און דאָס נישט נאָר דערפאר, וואָס די פארטיילונג פון דער ארבעט און פארדינסטן האָבן נישט אַנטשפּראָכן דעם פּרינציפּ: יעדן לויט זיינע פעיקייטן, יעדן לויט זיין פאַקטיש ארייגעלייגטער ארבעט, נאָר אויך דערפאר, וואָס דער סיסטעם האָט געהאמעוועט דאָס אנטוויקלען די איניציאטיוו פון די ארבעטנדיקע, איז געווען א שטערונג אין הייבן די ארבעטס־פּראָדוקטיווקייט. אָבער נישט אלע האָבן געהאט די דערפארונג פון די סאָוויעטישע אונטערנעמונגען. אן איבערברוך אין דעם אר־

בעטס־סיסטעם איז געקומען ערשט אין יאר 1948, ער איז רייף געווארן אדאנק א ריי באדינגונגען.

עליע גערעקט דעם אנהייב פון דער ענדערונג, פונקט ווי דאס זאל האבן אקארשט געשען. די סטאלערײ האט באקומען א טערמיניקע באשטעלונג אויף שול־בענק. דער קורצער טערמין האט געצוווגנגען זוכן וועגן, וויאזוי צו פארשנעלערן די ארבעט און דאן איז אנגעווענדעט געווארן דער מעטאד — באצאלן פון שטיק. די סטיכיע, וואס איז געווען פארשלאפן אין עליען, האט זיך איצט באפרייט. ער צוזאמען מיט בערל בוימל האבן איינגעשטעלט די ארבעטס־פראצעסן און א נעם געטאן זיך צו דער ארבעט. און ער האט איבערגעלאזט הינטער זיך פיל אלטע פאכלייט, דערבײ איז די קוואליטעט געווען א גוטע. קורץ נאכדעם האט זיך אנגעהויבן אנטוויקלען דער סאציאליסטישער ארבעטס־פארמעסט, וועלכער האט מיטגעריסן אפילו די גרעסטע קאנסערוואטיסטן.

דאס געזעלשאפטלעכע לעבן איז אויפן געביט פון קאאפעראטיוו געווען זייער אימפולסיוו. באזונדערס שטארק האט זיך געפילט דער קאמף, וועלכן די פפר האט געפירט מיט די נאציאנאליסטישע עלעמענטן, דערוויזנדיק, אז אין די אינטערעסן פון די יידישע ארבעטנדיקע איז זיצן אויפן ארט, ווו די סאציאלע באפרייונג איז געקומען בייגאנד מיט דער נאציאנאלער באפרייונג, דא צוזאמען מיט די פוילישע ארבעטנדיקע בויען די גליקלעכע סאציאליסטישע צוקונפט. דער קאמף איז געווען א הייסער, און עליע האט זיך נישט איינמאל פארטראכט: פארוואס נעמט די יוגנט אין דעם קאמף נישט קיין געהעריקן אנטייל, פארוואס איז נאך אויפן געביט פון קאאפעראטיוו נישט פאראן קיין ארגאניזאציע פון זמפ. דער ענין האט עליען געבראכט צום פארזיצער פון בוי־קאאפעראטיוו שמאול טשארקע, וועלכן ער האט געקענט אלס באגאבטן יוגנט־טוער פון קזמפ אין ווארשע. נאך דעם שמועס איז עליע תיכף צוגעטראטן צו רעדן מיט די יוגנטלעכע און קורץ נאכדעם איז פארגעקומען די גרינדונגס־פארזאמלונג, אויף וועלכער עס זענען אנוועזנד געווען 14 יונגע בחורים און מיידלעך. עליע איז דאן אויסגעווײלט געווארן פארן פארזיצער פון דער ארגאניזאציע. עליעס טעג ווערן איצט אויסגעפילט מיט שעפערישער פראדוקטיווער און געזעלשאפטלעכער ארבעט.

דאס יאר 1948 האט זיך דערנענטערט צום סוף. פארן אוועקגיין האט עס איבערגעלאזן א גאר וויכטיקע היסטארישע געשעעניש אין לעבן פון פוילישן פאלק. ס'איז פארגעקומען דער פאראייניקונגס־קאנגרעס פון די ארבעטער־פארטייען פפר און פפס. כדי ווירדיק צו באגעגענען די דאזיקע דאטע, האט זיך אין „אגמעט", פונקט ווי אין אלע אונטערנעמונגען פון גאנצן לאנד, שנעל אנטוויקלט דער סאציאליסטישער ארבעטס־פארמעסט, אין וועלכן די יוגנט איז געגאנגען פארויס, ווייזנדיק א מוסטער דעם גאנצן קאלעקטיוו. ס'האבן זיך גענומען אויסטיילן די

ערשטע יונגטלעכע שלאָגלער. עליע איז געווען צופרידן, ער האָט שטאָלצירט מיט זיינע זמפּאָוועס, אָבער צוגלייך מיט די דערגרייכונגען פון דער יוגנט איז אין דער סטאָלעריי אָנגעוואקסן א קאָנפליקט. פיל עלטערע ארבעטער האָבן קרום גע־קוקט אויף די יונגטלעכע, ס'איז זיי נישט געפעלן, וואָס די יוגנט רוקט זיך ארויס אין אוואנגארד, ס'האָט אָנגערירט זייער אויטאָריטעט, זייער ארבעטס־סטאזש. זיי, מייסטערס, דאַרפן זיך גלייכן צו די „סמאַרקאַטשעס", וואָס ארבעטן נישט מער ווי א יאָר צוויי. כל־זמן דער קאָנפליקט האָט זיך אויסגעדריקט אין קוקן קרום אויף די יונגטלעכע, האָט עס עליען נישט געאַרט, אָבער ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעהויבן שיקאַנעס ביי דער ארבעטס־פארטיילונג און אפילו אין פּראָצעס פון דער ארבעט, דאן האָט מען געמוזט נעמען שטעלונג, זיך שטעלן אין פארטיידי־קונג פון די יונגע שלאָגלער, שאפן די מעגלעכקייטן ווייטער צו אנטוויקלען דעם שעפערישן ענטוזיאַזם אין קאַמף מיט די אָביעקטיווע און סוביעקטיווע שוועריקייטן.

עליע מיט דער יוגנט האָבן געקעמפט פאר נייע ארבעטס־מעטאָדן און אין קאמף געווונען אלץ מער און מער אָנהענגער. דער סאָציאַליסטישער ארבעטס־פארמעסט האָט טיפער אריינגעדרונגען אין קאָלעקטיוו. לויטן מוסטער פון די פארטיי־מיטגלידער פון פּזפּר און זמפּאָוועס האָבן זיך גענומען אונטערציען די אומפּאַרטייאישע, אָבער אין דער באַציונג פון דער אָנפירערשאַפט צו די שלאָגלער, ספּעציעל צו די יונגע, איז פיל פארבליבן פונעם אלטן.

דער צענטראל־קאָמיטעט פון די יידן אין פּוילן האָט אָרגאַניזירט אין וואר־שע א צוזאמענפאָל פון דער פאָרויסגייענדיקער יידישער יוגנט. צווישן די דעלע־גאַטן האָט זיך געפונען עליע ווישניאַק.

עליע האָט נישט געהאַט בדעה צו נעמען אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע. אָבער צוהערנדיק זיך צו די ארויסטרעטונגען, איז אין אים ביסלעכווייז אָנגעוואַקסן דער בונט קעגן דער טעכנישער אָנפירונג פון דער סטאָלעריי און פון גאנצן קאָאָפּע־ראַטיוו, ווי לאנג נאָך וועלן די יונגטלעכע אָנגערופן ווערן סמארקאַטשעס, און די אָנפירונג וועט אויף דעם נישט רעאַגירן.

עליע האָט גענומען א וואָרט און האָט ארויסגעבראַכט אלץ, וואָס ס'האָט אים געדריקט אויפן הארצן. אָבער אויפן אָרט איז די זאכלעכע קריטיק אויפגענומען געוואָרן ווי אַן אָנפאַל אויפן קאָאָפּעראַטיוו, ווי אַ באַליידיקונג און ווי אַ דיסקרע־דיטאַציע פון דער לייטונג. צו עליען איז מען צוגעשטאנען, ער זאָל אָפּיציעל אין דער פּרעסע צוריקציען דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט אויפן צוזאמענפאָל. ער האָט זיך קאטעגאָריש אָפּגעזאָגט, די באַציונג צו אים איז נאָך מער פארשארפט געוואָרן.

אין יאָר 1948 איז עליע, אלס איינער פון די פּעיקסטע יונגע שלאָגלער, דעלע־גירט געוואָרן אויף א 8־חדשימדיקן קורס ביי דער שטשעטשינער עקאָנאָמישער הויכשול. עליע איז געווען זייער צופרידן און האָט זיך מיט ברען גענומען צום

לערנען. ס׳איז נישט געווען קיין לייכטע אויפגאבע: לערנען זיך גוט און גלייכצייטיק נישט שלעכט ארבעטן, אָבער ער, אדאנק זיין עקשנות, האָט זיך אן עצה געגעבן און געענדיקט דעם קורס מיט א גוטן רעזולטאט.

נאָכן קורס איז עליע דורכגעגאַנגען די נויטיקע פראקטיק אויפן אָרט — אין קאָאָפּעראַטיוו גופא. אין פארלויף פון 6 וואָכן האָט ער זיך באַקענט מיט דער ארבעט פון אלע אָפּטיילונגען, שפּעטער איז ער געוואָרן אַן „עטאַטאָווער פארטרעטער": ער האָט פארביטן אין דער ארבעט אלע לייטער, וואָס זענען געגאנגען אויף אורלויב. דער דאָזיקער צושטאַנד האָט זיך פאַרצויגן, עליע איז פון דעם אומציפרידן, ער האָט דעם איינדרוק, אז איצט איז ער עפּעס א „פּאָפּיכאדלע", מיט וועלכן מען פארשטופּט אלע לעכער, ער פאָדערט אַ סטאַבילע אַרבעט און ווערט באַשטימט פאַר א... קאַלקוליאטאָר. עליע איז נישט מסכים, ס׳האָט זיך אים געלוינט דערווערבן זיך אַזויפיל יאָרן פראקטיק, לערנען זיך כמעט אַ יאָר צייט, בכדי צו ווערן אַ ביוראַליסט. ער פילט זיך באַליידיקט און באשליסט אַוועקצוגיין פון קאָאָפּעראטיוו, אַוועקגיין, כאָטש ער האָט זיך צו אים צוגעבונדן, כאָטש ער האָט אים ליב באקומען, ווי ער האָט ליב זיין אייגענע אַרבעט.

אויף די שטשעטשינער ווערפן

עליע איז אַראָפּ פון טראַמוויי און שטיין געבליבן פאַרן גרויסן 3=שטאָקיקן בנין אויף הוטניטשע גאַס, ווו ס'האָט זיך געפונען די אַדמיניסטראַציע פון די שטשעטשינער ווערפן. דער פּאָרטיער האָט גענומען אין האַנט די „סקעראָוואַניע", האָט אַ ווײַלע אַרײַנגעקוקט, זשמורענדיק די אויגן, און וואַרשײַנלעך נישט אָריענטירנדיק זיך צו וועמען זי איז געשריבן, אים געהייסן אַרײַנגיין אין צימער נומ. 14, ווו עס געפינט זיך דער קאַבינעט פון דער גרונטיקער פּאַרטיי=אָרגאַניזאַציע. דער סעקרעטאַר, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ קײַלעכדיק סימפּאַטיש פּנים און פּליכוואַטן קאָפּ, האָט אים העפלעך געבעטן זיצן, אויפמערקזאַם אויסגעהערט אין וואָס עס גייט און נישט פאַרפירנדיק קיין לענגערן שמועס געהייסן גיין צום לייטער פון דער פּערסאָנאַלער אָפּטיילונג.

— נאָכן דערלייַדיקן די פאָרמאַליטעטן, — האָט ער אים געזאָגט, — כאַפּט זיך אַרײַן צו מיר.

שפּעטער האָבן זיי זיך געטראָפן ביים דירעקטאָר אין קאַבינעט, ווו ס'איז פאָרגעקומען אַ קורצע באַראַטונג, אויף וועלכער עליע איז באַשטימט געוואָרן אַלס טעכניקער צו נאָרמירן די אַרבעט פון דער האָלץ=אָפּטיילונג פון די ווערפן. עליע איז אַרויס פון דירעקטאָרס קאַבינעט אַ צופרידענער. די אָנפירונג פון דער אונטערנעמונג האָט געוווּנען זײַן סימפּאַטיע.

אין באַגלייטונג פון מאַיעווסקין, דעם עלטערן טעכניקער=נאָרמירער, און נאַדראָמסקין דעם קאַלקולאַטאָר איז עליע דאָס ערשטע מאָל אַרויף אויפן געביט פון די ווערפן. עליע האָט זיך דאָ פאָרגעשטעלט צו דערזען אַן ענלעך בילד, ווי דאָרט אין ראָסטאָוו אויפן דאָן, אַן ענלעכן זאַוואָד, ווי דער „קראַסני פלאָט". ער האָט זיך אָבער אַנטוישט. אין שטח און אין דער צאָל פּראָדוקציע=בנינים שטייגן די שטשעטשינער ווערפן אַריבער די ראָסטאָווער, ס'וואַרפן זיך אים אָבער אין די אויגן די גרויסע צאָל צעשטערטע, אויסגעברענטע און דעוואַסטירטע האַלעס, וואָס ווערן נישט אויסגענוצט. די ווערפן זענען נאָך מער ווי אין אַ העלפט פאַר=

ניכטעט. פון אייניקע בניגים רייסט זיך אַרויס אַ העפטיקער גערויש. עליע דער=
קענט אין טומל די האָלץ=באַאַרבעטנדיקע מאַשינען און עס גיט אים אַ שלעפ אין
יענער ריכטונג. מאַיעווסקי פירט אים אָבער צום ברעג. „אָט דאָס, — ווייזט ער
אים אָן אויף אַ בערגל צעריסענעם בעטאָן, וואָס לאָזט זיך שיף אַראָפּ צום וואַסער,
— זענען די רעשטלעך פון די צעשטערטע יעקישע אַראָפּשיפונגען („פּאָכילניע“).
דאָ האָבן זיי געבויט שיפן פאַרן קריגס=פּלאָט. די דעפאָרמירטע אייזן=קאָנסטרוק=
ציעס זענען רעשטלעך פון די סטאָקאַדעס (הייב=קראַנען פון בריק=סיסטעם). דאָס
אַלץ דאַרף מען פאַנאַנדערנעמען, צעקלאַפּן און אַרויספירן, ווייל נוצן קאָן מען עס
נישט. די פאַשיסטישע פאַרניכטער האָבן זיך פאַרזיכערט, אַז מיר זאָלן דאָ לאַנג
נישט קאָנען בויען קיין נייע שיפן.

אויפן וואַסער שטייט א לאַנגע קייט בוקסיר=שיפן (האָלאָווניקעס), וועלכע
וואַרטן אויף זייער ריי רעמאָנטירט צו ווערן. ווו נישט ווו שטייען גרעסערע שיפן.
פאַרשידענע דעפעקטן אָדער באַשעדיקונגען האָבן זיי דאָ צוגעשמידט צום ברעג.
עליע קוקט אויף די מענטשן, וואָס דרייען זיך אַרום אויף די שיפן, אומזיסט באַ=
מיט ער זיך אַרויסצופילן דעם טעמפּ פון דער אַרבעט. דאָ ערשט קאָן מען אָנ=
טאַפּן דעם אונטערשיד אין באַצוג צו ראָסטאָוו אויפן דאָן. עליע באַטראַכט די
צעכן אין די באַזונדערע אָפּטיילונגען. צום בעסטן געפעלט אים די מעכאַנישע
אָפּטיילונג — ער האָט אַ שוואַכקייט צו די מאַשינען. פול מיט לעבן איז די קאַד=
לובאָוויע, אין דער אויסשטאַטונגס=אָפּטיילונג איז גאָר אַ מישמאַש: דאָ איז די
שלאָסעריי, אַ רערן=וואַרשטאַט, עלעקטראָטעכנישער וואַרשטאַט אא. דאָס זעלבע
אין דער האָלץ=אָפּטיילונג, ווו נעבן די סטאָליאַרעס און טעסליער אַרבעטן די מאַ=
ליאַרעס און ווער איר ווילט נאָר. עליע כאַפּט אַ קוק אויף די באַלמעלאָכעס, וואָס
שטייען ביי די וואַרשטאַטן און טוען יעדער זיין אַרבעט, אומזיסט פּרוווט ער צו
געפינען צווישן זיי אַ פאַרבינדונג אין פּראָדוקציע=פּראָצעס, ס'קומט אויס, ווי
יעדער וואָלט געמאַכט די אַרבעט פון אָנהייב ביזן סוף. צו דער אָדער יענער מאַ=
שין גייט יעדעס מאָל צו אַן אַנדער אַרבעטער, פאָרעט זיך ביי איר אַ שטיקל צייט
און גייט צוריק צום וואַרשטאַט. די מאַשינען שטייען פיל מער, ווי זיי אַרבעטן.
עליע איז פאַרוווּנדערט פון דער הערשנדיקער דאָ פּרימיטיווקייט, וועלכע מוז זיך
געווים אָפּשלאָגן אויף די לוינען.

— וויפל פאַרדינט דאָ אַן אַרבעטער? — גיט ער אַ פרעג גאַדאָמסקין;
אָבער דער פילדייטיקער ענטפער: „נישקשה“, קלערט אים גאָרנישט אויף. עליע
האָט גלייך אָפּגעשאַצט, אַז מען דאַרף דאָ אַריינלייגן אַ וועלט מיט אַרבעט, כדי
די אָפּטיילונג אַרויפציען אויפן געהעריקן ניוואָ, עפּעס האָט אים אָנגעהויבן קלע=
מען ביים גאָרגל און ס'האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער איז אַהערגעקומען. דער
דירעקטאָר פון די ווערפן האָט אים געזאָגט, אַז איינער פון די וויכטיקסטע עניגים

אָיז איינשטעלן ריכטיקע נאָרמעס. דאָ דאַרף מען גאָר אָנהייבן נישט פון נאָרמעס, נאָר פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט. וועלן דען די מייסטערס איינגיין אויף זיינע פאָרשלאַגן? פון דער פראַקטיק ווייסט ער, אַז נישט. זיי וועלן אויפהייבן א טומל ביזן הימל, אז ער מישט זיך נישט אין זיינע געשעפטן, רייסט אראָפ זייער אויטאָריטעט. קאָמפּראָמיטירט אדגל. דער אָנגעהויבענער קאַמף מוז זיך פאַרשאַרפן פון טאָג צו טאָג, ביז צום סוף מוז דעצידירט ווערן: ווער — וועמען?

בכדי צו געווינען אַזאַ קאַמף, דאַרף מען האָבן פאַרבינדעטע. וועמען האָט ער, אויף וועמען קאָן ער רעכענען? אַ פרישער מענטש דאָ, נישט מען קען אים און נישט מען ווייסט אים. ווייטער, איז ער דאָ נישט געקומען קעמפן, אָפּרוען זיך אַ ביסל האָט ער געוואָלט, רואיק אַרבעטן, און דאָס איינגאַנצן. עליע וואָלט שוין פון דאַנען אַוועק און מער זיך נישט צוריקגעקערט. ספקות אָן אַ צאָל האָבן גענומען פייניקן זיין נשמה.

די ספקות האָבן עליען געבראַכט צום פאַרטיי־סעקרעטאַר גרינבוים. דער פאַרטיי־סעקרעטאַר, אַ דערפאַרענער מענטש, האָט ער גלייך דערקענט אויף עליעס פנים, אַז ער לעבט עפּעס איבער, און אַליין אָנגעהויבן דעם שמועס:

— ווי געפעלן אייך אונדזערע ווערפן?

— וואָס איז פאַראַן צו געפעלן? — האָט עליע, ווי ס'איז דער שטייגער, געענטפערט מיט אַ פראַגע און באַלד גענומען ציען ווייטער, — חורבות אויף טריט און שריט.

דער סעקרעטאַר האָט זיך וואַרשיינלעך נישט געריכט אויף אַזאַ ענטפער. ווען ער איז דאָ געקומען, איז טאַקע כמעט אַלץ געלעגן אין חורבות, ער איז געשטאַנען ביים וויגעלע פון די ווערפן, געקעמפט מיט אָן אַ שיעור שוועריקייטן און זיך געפרייט מיט יעדן אָפּגעבויטן אָביעקט. ער האָט די אונטערנעמונג געזען מיט אַנדערע אויגן — נישט פון דער זייט פון די חורבות, וועלכע האָבן זיך נאָך אַזוי שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן.

— ריכטיק, — האָט ער עליען געגעבן רעכט, — קיין חורבות פעלן דאָ דערווייל נישט, אָבער מ'דאַרף זען און דערשאַצן דאָס, וואָס ס'איז שוין — אגב נישט ווייניק — אויפגעטאָן געוואָרן. די ווערפן זענען דאָך נאָך יונגע, נאָך אין דיווינדעלעך קאָן מען זאָגן, איז וואָס זיך פאַראַן צו וואונדערן. א יאָר, צוויי און מ'וועט זיי גאָרנישט דערקענען, נישט מיט רעמאָנטן וועלן מיר זיך פארנעמען, נאָר שיפן, גרויסע שיפן וועלן מיר בויען.

עליע האָט באַמערקט דעם גלאַנץ אין גרינבוימס אויגן, דעם גלאַנץ, וואָס האָט אויסגעדריקט ענטוזיאַזם און אָפּטימיזם גלייכצייטיק מיטן אַנטשלאָסענעם ווילן און גלויבן אין דער צוקונפט, וואָס איז אַזוי אָנשטעקנדיק — רייסט מיט. אָבער עליע האָט פאַר די אויגן דעם צער, די אַרבעט פון די סטאָליאַרעס, וועלכע

אַרבעטן אַזוי ווי דאָס זאָגט זיך אין פּויליש שפּריכוואָרט: „קאַזשדי סאָביע זשעפּקען סקראָביע“, מיט אַלטע מעטאָדן, וואָס פּאַסן נישט פאַר די היינטיקע צייטן. מיט אַזעלכע מעטאָדן איז ביז בויען נייע שיפן ווייט, זייער ווייט... און עליע רופט זיך אָפּ:

— חבר סעקרעטאַר, אַז דאָ איז שוין א סך אויפגעטאָן געוואָרן איז א פאַקט, דאָס זעט מען אפילו דורכן פענצטער פון אייער קאַבינעט. נישט לייכט איז אויפצוהייבן פון די חורבות די בנינים, אָבער נישט בלויז די פּראָדוקציע-האַלעס האָבן א באַדייטונג. — עליע האָט נערוועז געקנייטשט דאָס היטל אין די הענט און אראָפּגעלאָזט דעם בליק. ס'איז אים קענטיק שווער געווען איבערצוגייען רעדן וועגן זיינע ספקות. — דאָס, וואָס איך האָב געזען אין די האַלעס, איז מיר גאָרנישט געפעלן, די אָרגאַניזאַציע פון דער ארבעט הינקט אויף ביידע פיס. גוט! איך דאַרף איינשטעלן נאָרמעס, דאָרט איז דאָך נישט פאַראַן אויף וואָס די נאָרמעס איינצושטעלן. יעדער זוכט פאַר זיך מאַטעריאַל, די מאַשינען בילדן נישט קיין טעכנישע פּראָדוציר-באַזע. זיי זענען דאָ פאַרביטן געוואָרן אויף געהילפס-מכשירים און נישט מער; די מאַשינען, אָדער זיי שטייען אינגאַנצן ליידיק, אָדער איין ארבעטער וואַרט אויפן צווייטן. קיינעם גייט נישט אָן, וואָס דער אנדערער טוט. קוסטאַרשטשינע! קוסטאַרשטשינע אין פולן זין פון וואָרט, — עליע האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער געצויגן. — ווען עמעצער פון די סטאָליאַרעס, וואָס איך האָב מיט זיי געאַרבעט אויפן „קראַסני פּלאָט“, וואָלט געזען, ווי מען ארבעט דאָ, וואָלט ער געפּלאַצט פאַר געלעכטער. און איר ווילט בויען נייע שיפן נייע שי...

— מיר ווילן און וועלן בויען, — האָט אים אנטשלאָסן איבערגעריסן דער סעקרעטאַר, — כאָטש עס זענען נאָך פאַראַן פעלערן, צענדליקער פעלערן, הונדערטער, אויף יעדן טריט. אין קאַמף מיט די פעלערן און גרויסע שוועריקייטן, וואָס מיר האָבן, — אייניקע פון זיי האָט איר באַוויזן צו דערזען אין ערשטן טאָג פון אייער ארבעט, לייגן מיר אוים דעם וועג צום נייעם, און מיר וועלן בויען. איר זענט געווען אין ראַטנפאַרבאַנד, דאָרט געאַרבעט מיט סאָוויעטישע מענטשן, האָט איר דאָך פּאַקטיש געענדיקט אַן אַרבעטס-אוניווערסיטעט... און אונדזערע אַרבעטער האָבן נאָך אויף דעם געביט אַפילו קיין עטלעכע קלאַסן נישט געענדיקט. איר ווייסט דאָך געוויס, ביי אונדז האָט מען קיינמאָל קיין שיפן נישט געבויט, טאָ פון וואַנען זאָל מען קענען? יעדער אָנהייב איז שווער. גרינבוים האָט איבערגעריסן, האָט זיך פאַרקלערט א קורצע ווײַלע און נאָכדעם מיט זיין געלאַסענעם טאָן צוגעגעבן: איך האָב דעם איינדרוק, אַז איר האָט זיך דערשראָקן פאַר די שוועריקייטן?

— יאָ! — האָט עליע געענטפערט. — די ספקות האָבן מיך געבראַכט צו אייך.

גייענדיק צום סעקרעטאר, האָט עליע געקלערט אויסטראַכטן עפּעס א תּירוץ און אוועקגיין פון דאנען, אָבער די פּשוטקייט און אָפנהארציקייט, מיט וועלכער גרינבוים האָט גערעדט וועגן די שוועריקייטן, זיין טיפער גלויבן און די אָנגעצייכנטע פּערספּעקטיוון האָט עליען אנטוואָפנט, האָט פאנאנדערגעבונדן זיין צונג און ער האָט גענומען רעדן וועגן אליץ, וואָס האָט אים געמאטערט, וואָס ס'האָט געדריקט אויפן הארצן, נישט באהאלטנדיק גאָרנישט. ווען ער האָט געענדיקט, איז אים לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה, פּונקט ווי ער וואָלט אראָפּגעוואָרפן א שווערע לאסט. איצט האָט ער געווארט אויף אן ענטפער. דער סעקרעטאר האָט לאנגזאם אָנגעהויבן רעדן:

— געווים זענען פאר אייך אָפן ביידע וועגן: דער, וואָס פירט צו דער ארבעט אין די ווערפן און אויך דער, וואָס פירט אוועקצוגיין פון דאנען. אלס פּארטייִ-מיטגליד דארפט איר אויסקלויבן דעם ערשטן. קאָמוניסטן אנטלויפן נישט, נעמען אויף יעדן קאמף, אויב ער איז אין די אינטערעסן פון סאָציאליזם. מיר צווינגען אָבער קיינעם נישט, קלויבט זיך אויס. איך וויל אייך נאָך אויפמערקזאם מאכן, אז אייער אָפּשאצונג איז נישט קיין ריכטיקע: איר האָט מורא, אז אין קאמף וועט איר זיין אליין, זיך אויסשטעלן אויף געפארן. דאָס איז נישט ריכטיק. איר זענט איינער פון אונדז — פון דער פּארטיי. אין קאמף פאר א בעסערער ארבעטס-אָרגאניזאציע איז אויף אייער זייט די גאנצע פּארטייִ-אָרגאניזאציע. אויף איר הילף קאָנט איר רעכענען. דאָס איז א גרויסער כּוח.

נאָכן געשפּרעך מיטן סעקרעטאר האָט זיך עליע מער נישט געוואקלט. ער האָט אפילו שטארק פארדרוס געהאט אויף זיך אליין, אזויפיל מאָל זיך שוין אָפּגעבריט, זיך געלאָזט באהערשן פון די ערשטע איינדרוקן, און איצט ווידער. ס'איז אים אומבאַקוועם געווען פארן סעקרעטאַר. גלייך ביים ערשטן אַרויספּאָר געוויזן די שוואכקייטן.

צוזאַמען 7 אזייגער אין דער פרי איז עליע געווען אין די ווערפן, ער איז געקומען צו דער ארבעט.

מראָטשקאָווסקי, דער לייטער פון דער האָלץ-אָפּטיילונג, איז געווען א מענטש פון א יאָר 40, פיזיש גוט געבויט, מיט געזונטע הענט צו דער ארבעט. זינט ער איז געוואָרן מייסטער און פארטרעט דעם לייטער, האָט ער פיזיש אבסאָלוט גאָרנישט געטאָן, אָבער א ריר טאָן מיטן מארך האָט ער זיך אויך נישט געיאָגט, זיין ראָל איז הויפּטזעכלעך באשטאנען אין אונטערשרייבן די פארשידענע צעטלען, אויף וועלכע די ארבעטער האָבן אין די מאגאזינען באקומען רוישטאָף, ארבעטס-מכשירים, אַרבעטס-מלבושים, די אויפגאַבן צום אויספירן די באַזונדערע באַשטעלונגען, ארבעטס-קארטן צום אָפּרעכענען זיך אדגל. ער איז פארביוראָקראַטיזירט געוואָרן. מראָטשקאָווסקי האָט נישט געזען דעם ארבעטער און האָט זיך נישט

אינטערעסירט מיטן פּראָדוקציע־פּראָצעס, כאָטש דאָס איז געווען זיין הייליקע פליכט אלס מייסטער, ווייל דעם אמט פון לייטער האָט ער צייטווייליק פארטראָטן.

עליען האָט מראָטשקאָווסקי אויפגענומען מיט גרויס רעזערוו, קאלט, ווי אַ בייז, מיט וועלכער ער מוז מסכים זיין. נויטיק האָט ער דען געדאַרפט אַ נאָרמיראָווטשיק, וואָס זאָל מיטן סטאָפּער אין האנט ארומדרייען זיך נעבן די וואַרשטאטן און באגרענעצן די צייט־נאָרמעס. אָבער מראָטשקאָווסקי האָט געגלויבט, אז ער וועט זיך מיט אים דערערדן. ווער האָט עס נישט ליב א זופּ צו טאָן? ווען וואוזשיצקי, דער קאלקולאטאָר האָט דאָ אָנגעהויבן ארבעטן, זענען אויך מיט אים געווען צרות, ער האָט זיך אָבער געלאָזט איבערצייגן, אז ס׳איז נישט קיין אומגליק, אויב מ׳גיט אַ „פּשיאַטשעל" עטלעכע איבעריקע שעהן, דערפאַר קאָן מען דאָך אונטערזיצן אין א לאָקאל מיט מוזיק ביי א געדעקט טישל...

וואוזשיצקי איז אינגאנצן מסכים מיט מראָטשקאָווסקין, די באקאנטשאפט מיט ווישניאקן דארף מען מאכן פייערלעך. פארוואָס טאקע נישט אויסטרינקען ביי אזא געלעגנהייט. ס׳איז אָבער נישט ארויסגעקומען, עליע האָט דערקלערט, אז דאָס קינד איז אים קראנק, שפּעטער האָט ער געפונען אנדערע תירוצים.

שוין עטלעכע טעג געפינט זיך עליע אין דער אָפּטיילונג. פאר דער צייט האָט ער זיך באקענט מיט דער ארבעט און האָט געוואָלט דערגיין אויף וואָס פאר אן אופן אנטשטייט דאָ די צייט־נאָרמע, וואָס וואוזשיצקי גיט דעם ארבעטער אויף אויסצופירן א באשטעלונג. ער האָט נישט פארשטאנען, ווי ס׳איז מעגלעך, אז דער קאלקוליאטאָר זאָל בייטן אין פּראָצעס פון דער ארבעט די פריער איינגעשטעלטע נאָרמעס, און פארוואָס איז די נאָרמע אויף איין און דער זעלבער ארבעט נישט גלייך פאַר צוויי באַזונדערע סטאָליאַרעס אָדער טעסליער. עליע האָט אויף דעם קיין ענטפער נישט געפונען. ס׳איז געווען קלאָר, אז אייניקע ארבעטער ווערן באַוולהט, אָדער אנדערע ווערן פּראָטעזשירט דורכן קאלקוליאטאָר.

וואָס פאר א שטעלונג נעמט מען אָן, פון וואָס אָנהייבן די ארבעט? — האָט זיך עליע געבראָכן דעם קאָפּ און זיך לאנג נישט געקאָנט דעצידירן אויף א וועלכן נישט איז שריט. ער האָט געפילט, אז די אטמאָספער אין דער אָפּטיילונג איז נישט אויף זיין זייט, ווענן מראָטשקאָווסקין און וואַוזשיצקין איז דאָך אָפּגערעדט, אויך פיל ארבעטער פלעגן זיך צו אים אויסדרייען מיט דער פּלייצע, האָבן אין אים נישט געזען קיין פריינד און מיט פארדאכט אים געקוקט אויף די הענט. עליען האָט נישט געערגערט די באציונג פון לייטער, וועלכער האָט געוואָלט וועקשטעלן צווישן אים און די ארבעטער אן אייזערנע וואנט, אָבער מיט דער שטימונג פון די ארבעטער האָט ער זיך געמוזט רעכענען, און ער האָט אין זיך פעסט באשלאָסן נישט אונטערצונעמען גאָרנישט, וואָס זאָל אפילו צייטווייליק שאפן דעם איינדרוק, אז ס׳איז נישט אין די אינטערעסן פון די ארבעטער. ער

מוז פריער געווינען זייער צוטרוי. שפּעטער, אין פּראָצעס פון דער ארבעט, וועלן זיי זען, ווער עס איז א פריינד און ווער נישט. דערווייל האָט עליע איבערגעמאָסטן די קראַפט פון די מאשינען, האָט פאַרצייכנט די פאַקטיש אריינגעלייגטע פּראָדוקציע-ארבעט אויף די באַזונדערע באשטעלונגען, וויפל צייט דער ארבעטער פּטרט נישט פּראָדוקטיוו אויף פארשידענע בייזאַכן, ווי גיין נאָך מאַטעריאַל, דער-לעדיקן פאָרמאַליטעטן אדגל. אָט די אויסרעכענונגען האָבן אים שפּעטער גע-דאַרפט דינען ביים איינשטעלן די נאָרמעס. עס זענען געגאַנגען טעג, עס גייען שוין וואָכן. דער נאָרמיראָוושטשיק איז שטיל ווי א טויב, מישט זיך נישט אריין. מ'האָט ממש אין אים פאַרגעסן.

אין א געוויסן טאָג איז געקומען צו א קאָנפליקט צווישן טעסליער קובאַלאַ און וואַוזשיצקין. קובאַלאַ איז באַשעפטיקט ביים איינלייגן א פּרעציזע קוואַדראַטן-פּאָדלאָגע. וואַוזשיצקי האָט אים געגעבן 16 שעה אויף אַ קוואַדראַט-מעטער. דער האָט זיך נישט געקאָנט איינלייגן אין דער צייט און האָט זייער ווייניק פאַרדינט. נישט קאָנענדיק גאָרנישט אויספּועלן ביי וואַוזשיצקין, איז קובאַלאַ געקומען צו עליען זיך קלאָגן און בעטן איינשטעלן א ריכטיקע נאָרמע. עליע איז געווען צו-פרידן פון דער געלעגנהייט און גלייך אוועק מיטן ארבעטער. ווי געוויינלעך א טעכניקער-נאָרמיראָוושטשיק, האָט ער גענומען דעם סטאָפּער אין האַנט, זיך אוועקגעזעצט, צוגעקוקט זיך, פאַרצייכנט. קובאַלאַ יאָגט זיך נישט, ער וויל גע-ווינען וואָס מער צייט. אינקורצן האָט עליע אים איבערגעריסן די ארבעט, קו-באַלאַ האָט אויף אים אויסגעשטעלט א פּאָר פרעגנדיקע אויגן און א זאָג געטאָן: „מ'דאַרף צורעכענען די צייט, וואָס דויערט ברענ...“ עליע האָט אים אָפּגעשטעלט:
— איר זייט גערעכט, — האָט ער אָנגעהויבן, — ביי אַזאַ אַרבעט איז 16 שעה באמת צו ווייניק, אָבער מען קאָן דאָך ארבעטן אנדערש...

— כ'ארבעט, ווי איך קאָן, — איז אים קובאַלאַ אריינגעפאַלן אין די רייד, מאַכנדיק דערביי א מינע פון א באַליידיקטן. עליע האָט אים בארויקט:

— איר האָט מיך נישט פארשטאַנען, עס גייט אין סיסטעם. אייער ארבעטס-סיסטעם איז נישט קיין ריכטיקער. אָט נעמט איר די ברעטער און צעשניידט זיי אויף דער מאשין פּונקט לויט דער מאָס און געענדיקט. אלדאָס איבעריקע מאַכט איר מיט דער האַנט, פאַרוואָס? די איינשניטן צו די צענדליקער שליסונגען קאָן מען דאָך אויך מאַכן אויף דער מעכאַנישער זעג. וויפל ארבעט און צייט שפּאָרט איר דעמלט איין?

קובאַלאַ האָט זיך פאַרטראַכט.

— אפשר זייט איר גערעכט, — האָט ער גענומען שטאַמלען, — אָבער קיי-נער ארבעט דאָך נישט אזוי, קיינער...

עליע האָט געגומען עטלעכע צוגעשניטענע ברעטלעך און צוזאַמען מיטן מעסליער אוועק צו דער מאשין. געציילטע מינוטן האָט געדויערט דאָס אויפהייבן דעם טיש, איבער וועלכן ס'האָט איצט אַרויסגעקוקט אַ שמאָלער ראַנד ציינער פון דער שטאָלענער זעג. פּאָרזיכטיק, אָבער גענוי האָט עליע געמאַכט די ערשטע איינשניטן. קובאַלאַ האָט נאָכגעטאָן זיין ביישפּיל.

די צייט־נאָרמע, וואָס עליע האָט איינגעשטעלט אויף אַ קוואדראַט־מעטער קוואדראַטן־פּאָדלאָגע, האָט באַטראָפן 10 שעה אָנשטאָט 16, און די אַרבעטער זענען געווען צופרידן, זיי האָבן זיך איצט ווייניקער אָנגעשטרענגט און מערער פאַרדינט.

קובאַלאַ און אַנדערע אַרבעטער האָבן זיך איבערצייגט, אַז נישט די גרייס פון דער צייט־נאָרמע דעצידירט וועגן די פאַרדינסטן, נאָר די אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט. אינקורצן האָט קובאַלאַ געמאַכט אַן אויסבעסערונג ביים באַאַרבעטן דעם מאַטעריאַל אויף דער מאַשין. ער האָט אָנגעהויבן מאַכן די איינשניטן פאַרן צעשניידן די ברעטער און האָט דערביי דערגרייכט אַ ווייטערדיקע אָפּשפּאָרונג פון צייט, דאָס האָט שפּעטער דערלויבט צו פאַרקלענערן די נאָרמע פון 10 שעה אויף 8.

עליע איז געווען צופרידן — דאָס איז געווען זיין ערשטער נצחון. אָבער די באַציונגען צווישן אים מיטן לייטער און קאַלקוליאַטאָר זענען אָנגעשטרענגטער געוואָרן, ער האָט געפילט, אַז עס וועט נישט מעגלעך זיין אויסצומיידן אַן אָפענעם קאָנפליקט.

טראַכטנדיק לאַגיש וועגן דער דערגרייכונג אויפן געביט פון לייגן די קוואַדראַטן־פּאָדלאָגעס, האָט זיך ממש אַליין אָנגערוקט אַ ווייטערדיקער אויספיר: אָנשטאָט דעם, וואָס יעדער פּאַכמאַן פאַר זיך לויפט אַרום דערלייזדיקן די פאַרשיידענע פּאַפּירלעך און גייט אַליין נאָך מאַטעריאַל אין סקלאַד, זאָל גיין איינער, ער מוז אפילו נישט זיין קיין קוואַליפיצירטער פאַכמאַן. דאָס וואָלט געגעבן צענדליקער איינגעשפּאָרטע אַרבעטס־שעהן. אָדער ווען איין מאַשיניסט וואָלט פאַר אַלע געשניטן דעם מאַטעריאַל, וואָלטן זיי באַקומען פרישע אָפּגעשפּאָרטע שעהן. אָבער אויף דעם האָט מען געדאַרפט לאַגיש טראַכטן, קלערן וועגן דער אַרבעט, זי ליב האָבן. מראָטשקאָווסקי האָט נישט געזינדיקט מיט קיין איינעם פון די שטריכן. אים איז דער בראָנפן געלעגן אין זינען, האָט אים טויב און בלינד געמאַכט צו אַליץ, וואָס ס'איז נאָר נוגע געווען דער פּראָדוקציע. עליע האָט געפּרוווט שמועסן מיט אים, פאַרגעלייגט אים צו אָרגאַניזירן אַ מאַשין־בריגאַדע, וואָס זאָל געבן די סטאָליאַרעס צום מאָנטאַזש פאַרטיקע דעטאַלן, אָבער דער לייטער האָט זיך פון אים אויסגעלאַכט: „ביי אונדזערע רעמאָנט־אַרבעטן, — האָט ער געענטפערט, — איז עס נישט מעגלעך, אַלע טאָג קומט דאָך אויס צו מאַכן עפּעס אַנדערש,

ביי אונדז איז נישט קיין סעריע־פּראָדוקציע. איך ווייס, ווי מען דאַרף אַרבעטן, און איר דאַרפט מיך נישט לערנען, נאָרמיראָוושטשיק!...״ די לעצטע ווערטער זענען פול געווען מיט גאַל. עליע האָט זיך אָבער נישט געמאַכט דערפון און געוואָלט נעמען זאָגן, אויפקלערן, מראָטשקאָווסקי האָט זיך אויסגעדרייט און אוועק.

מאַיעווסקי, דער עלטערער טעכניקער־נאָרמיראָוושטשיק, איז נישט געווען קיין אָפטער גאַסט אין דער האַלץ־אָפּטיילונג, און עליע האָט זיך דערפרייט, ווען ער האָט אים דערזען. נישט גלייך האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דעם נאַטשאַלניק האָט אהערגעבראַכט מראָטשקאָווסקיס אָנקלאַגע. זייער שמועס איז געווען אַ לאַנגער און אָפּגהאַרציקער. עליע האָט ביי אים געפונען די פולע פאַרשטענדעניש, מאַ־יעווסקי האָט געהאַלטן, אַז ער איז אין תוך גערעכט, אָבער מיט זיין אויספיר איז ער נישט מסכים געווען, ער האָט אים אפילו אויפגעבראַכט.

— דו דאַרפסט נישט פאַרגעסן, — האָט ער אים געגעבן צו פאַרשטיין, — אַז אַ טעכניקער־נאָרמיראָוושטשיק איז נישט קיין מייסטער און נישט קיין אָנפירער פון דער פּראָדוקציע. וואָס גייט דיך אָן די אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט, ביי דיר אין האַנט געפינט זיך אַ גוטער קאַנטשיק — שלאָג זיי מיט די נאָרמעס, וועלן זיי אליין מוזן...

עליע האָט נישט אויסגעהאַלטן: „מיך האָט די פּאַרטיי נישט אַזוי געלערנט, נישט ביי אונדז דאַרף מען האָבן אַ קאַנטשיק! אויפקלערן דעם אַרבעטער, ווייזן אַ ביישפּיל — דאָס איז אונדזער הייליקער חוב!״

מאַיעווסקי האָט זיך גענומען פאַרענטפערן: „מ׳דאַרף אָבער נישט איינרייסן מיט דער אָנפירונג. געדענק, מ׳וועט דיר לייגן קלעצער אויפן וועג. מען מוז האָבן געדולד, נישט מיטאַמאָל איז קראָקע אויפגעבויט געוואָרן.

אינקורצן האָט זיך געשאַפן אַ צווייטע געלעגנהייט פאַר עליעס אינטערווענץ. די אָפּטיילונג האָט באַקומען אַ באַשטעלונג אויף אַ גרעסערער צאָל טאַבאָרעטן. אַרויסגייענדיק פון שטאַנדפּונקט, אַז דאָס איז אַ מאַסן־פּראָדוקציע, האָט דער קאַלקוליאַטאָר, נעמענדיק אין אַכט די מעגלעכקייטן אויסצובעסערן דעם פּראָדוק־ציע־פּראָצעס, פאַרקלענערט די צייט־נאָרמע אויף 12,5 פּראָצענט. וואַוזשיצקי איז געווען גערעכט, אָבער די אַרבעטער האָבן אויפגעהויבן אַן אַליאַרם. עליע האָט פאַרגעלייגט צו רופן אַ באַראַטונג פון די סטאָליאַרעס און זיך מיט זיי דורכרעדן. מראָטשקאָווסקי איז געווען קעגן: „וואָס, ביי די אַרבעטער וועלן מיר שוין פרעגן, וואָסערע נאָרמעס עס דאַרפן זיין?״ אין צעך איז פונקט אַריינגעקומען דער סע־קרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. זיין וואָרט האָט דעצידירט וועגן גורל פון דער פאַרזאַמלונג.

װענדנדיק זיך צו די אַרבעטער, האָט עליע געזאָגט: „איך װעל אײַך קײן נאָרמע נישט אָנװאַרפֿן, װײַל דער נאָרמע װעט איר אַלײן דעצידירן, בתנאי, אַז איר װעט אַרבעטן אַזױ, װי איך װעל אײַך װײַזן". די אַרבעטער האָבן זיך דורכגעקוקט, געהױבן מיט די אַקסלען און נישט געװוּסט װאָס צו ענטפֿערן.

— פֿאַרדינען װעלן מיר? איז געפֿאַלן אַ פֿראַגע.

— מער װי ביז איצטער, — האָט עליע קאַטעגאָריש געענטפֿערט.

די נאַכט איז עליע לאַנג נישט געשלאָפֿן. ער איז געזעסן בײַם שרײַבטיש, האָט געצײכנט, געמעקט און װײַטער געשריבן. די הענטשקע איז געװאָרפֿן געװאָרן, דער סעקרעטאַר איז דערבײַ געװען, איצט מוז ער דערװײַזן, אַז ער איז גערעכט. קײן שװערער ענין איז עס נישט, ער װײסט װאָס צו טאָן — אין ראַטנפֿאַרבאַנד איז אײַנטײלן די אַרבעט אויף באַזונדערע פּראָצעסן געװען אַ נאָרמאַלע דערשײַנונג. דאָ דאַרף מען אָבער זען װאָס װיניקער צו קאָמפּליצירן דעם ענין, ער זאָל זײַן אָנגענעמבאַר פֿאַר די אַרבעטער. ענדלעך איז אַלץ אױסגערעכנט. עליע האָט דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס אײַנגעטײלט אין 3 עטאַפּן: צושטעלן דעם מאַטעריאַל צו די מאַשינען, אויספֿירן די מעכאַנישע פּראָצעסן און דאָס דריטע — צונױפֿשטעלן דעם פֿאַרטיקן פּראָדוקט. די אַרבעטער זענען אײַנגעטײלט געװאָרן אין דרײַ בריגאַדעס. יעדע האָט געהאַט איר אָנגעצײכנטע אַרבעט. אין דער פֿרי האָט עליע צונױפֿגעקליבן די סטאָליאַרעס, װאָס האָבן געדאַרפֿט אויספֿירן די באַשטעלונג, זײַן פּלאַן איז אָנגענומען געװאָרן. איצט האָבן זיך בלױז אײניקע פֿאַרגומען מיט דער צוגרײטונגס־אַרבעט, די סטאָליאַרעס האָבן געאַרבעט אָן איבעררײַס. די נאָרמע איז אײַנגעשטעלט געװאָרן אויף אַ שעה מיט 20 מינוט אויף אַ שטיק. די פֿאַרדינסטן פֿון די אַרבעטער האָבן זיך באַדײַטנדיק געהױבן. עליע האָט געװוּנען די סימפּאַטיע פֿון די אַרבעטער.

מראָטשקאָװסקי מיט זײַן קאָמפּאַניע האָבן אָבער נישט געלײגט דאָס געװער. „ער נעמט אײַך כיטרע, — האָבן זײ דעם און יענעם געשעפּטשעט אויפֿן אויער, — איר װעט זיך נאָך דערװיסן, װאָס דאָס הײסט מאַשינען, די בעבעכעס װעט ער פֿון אײַך אַרויסטרײַבערן!" אָבער װאָס װײַטער האָבן אַלץ װיניקער אַרבעטער זיך געלאָזט שעפּטשען אין אויער. דאָס נײַע האָט זיך דורכגעבראָכן אַ װעג, און ס'איז שוין נישט מעגלעך געװען צו דרײען דאָס ראָד אויף צוריק. איצט האָבן די אַרבעטער אַלײן דעצידירט אײַנצופֿירן דעם בריגאַדע־סיסטעם. אויב בוקאָװסקי דער סטאָליער האָט פֿריער מורא געהאַט זיך צו שטעלן אַרבעטן אַלס מאַשינער, מורא געהאַט פֿאַר מראָטשקאָװסקין און װאָרזשיצקין, זײ זאָלן אים נישט שיקאַנירן, איז איצט בוקאָװסקי אַלײן געקומען און זיך געשטעלט צו די מאַשינען. מראָטשקאָװסקי האָט אויך אונטערן דרוק פֿון די אַרעבטער, נישט װעלנדיק בלײַבן איזאָלירט, גענומען נאָכגעבן.

עליעס פּראָגרעסיווע נאָרמעס זענען געוואָרן די הייב־שטאַנג פון דער פּראָ־
דוקציע, וועלכע איז כסדר געוואַקסן. אין רעזולטאַט פון עקשנותדיקן 4־חדשימ־
דיקן קאַמף איז עליע ארויס דער זיגער, זיין אויטאָריטעט איז אויסגעוואַקסן. די
אַרבעטער האָבן אים געגלייבט און ליב באַקומען.

סוף יאָר 1950 איז עליע געוואָרן טעכנאָלאָג פון דער האַלץ־אָפּטיילונג. די
נאָמינאַציע איז דיקטירט געוואָרן דורך דער אַנטוויקלונג פון דער סטאָלעריי און
פון דער ראָל, וואָס ער האָט אָפּגעשפּילט ביים צעברעכן די אַלטע אָפּגעשטאַנענע
מעטאָדן פון דער אַרבעט און איינפירן נייע, וואָס האָבן זיך געשטיצט אויפן טעכ־
נישן פּראָגרעס — אויפן אויסבעסערן און פּאַרפולקאָמען דעם טעכנאָלאָגישן
פּראָצעס. עליעס ראָל אַלס טעכניקער־נאָרמיראָווטשיק האָט זיך געענדיקט, און
ס'איז שווער געווען פעסטצושטעלן, ווען ס'האָט זיך פאַקטיש אָנגעהויבן זיין אַר־
בעט אַלס טעכנאָלאָג. כמעט פון דער ערשטער מינוט אָן האָט ער געקניפּט און
געבונדןביידע פונקציעס, מאַכנדיק אָפּהענגיק די צייט־נאָרמע פון דער אַרבעטס־
אָרגאַניזאַציע און פון טעכנישן פּראָגרעס, ביז דאָס צווייטע איז געוואָרן דער אינ־
האַלט פון זיין אַרבעט. די כסדרדיקע דערפאָלגן האָבן שנעל געצויגן די אויפמערק־
זאַמקייט פון דער אָנפירונג — זיין אַרבעט איז אָפּגעשאַצט געוואָרן. דער פּאָר־
שריט אין פּראָדוקציע־פּראָצעס און דאָס איינשטעלן פּראָגרעסיווע נאָרמעס האָט
אינגאַנצן איבעריק געמאַכט די אַרבעט פון קאַלקוליאַטאָר, און עליע איז געווען
צופרידן, וואָס וואָזשיצקי איז צוגענומען געוואָרן פון דער אָפּטיילונג. לייטער פון
דער אָפּטיילונג איז געוואָרן קאָמאַראָווסקי. מראָטשקאָווסקי האָט איצט אויסגע־
פירט זיין אייגנטלעכע פונקציע. אַלס מייסטער האָט ער עליען נישט געקאָנט
שטערן איינצופירן אינאָוואַציעס, פּאַרקערט, ער האָט זיך באַמיט מיט אים נישט
איינצורייסן. ס'האָט זיך געביטן די אַטמאָספער. די אַרבעטער האָבן אונטערשטיצט
עליעס יעדן איינפאַל, האָבן גערן דורכגעפירט די גויטיקע עקספּערימענטן, האָבן
אַליין אָנגעהויבן צו טראַכטן און קומען מיט קאָנסטרוקטיווע פּאָרשלאַגן. די סטאָ־
ליעריי האָט זיך אַנטוויקלט, ס'איז געוואַקסן די פּראָדוקציע, ס'האָבן זיך געהויבן
די פאַרדינסטן, דערביי איז די שווערע פיזישע אַרבעט איבערגעוואָרפן געוואָרן
אויף די מאַשינען.

פּאַרטאָן אין דער סטאָלעריי, האָט עליע נישט באַוויזן צו באַמערקן פיל ענ־
דערונגען, וואָס זענען דערווייל פּאָרגעקומען אויפן געביט פון די ווערפן. ער האָט
נישט באַמערקט, ווי אַלץ איז צוגעגרייט געוואָרן צום בויען נייע שיפן, טאַקע
קליינע פישער־שיפן, וואָס הייסן פּאָפּולער קוטערס, אָבער נייע פון אָנהייב ביזן
סוף. עליע האָט אַפילו אָנטיילגענומען אין באַאַרבעטן די טעכנאָלאָגיע פון דער
נייער פּראָדוקציע. ס'האָט ביי אים פיל מאָל אַרויסגערופן פּאַרדרוס, וואָס פון
צייט צו צייט פלעגט אים די טעכנאָלאָגישע סעקציע אונטעררוקן צו פּאַגאַנדער־

אַרבעטן אַ צייכענונג. אַרבעט איז דערבײַ געווען אַ סך. מ'האָט געדאַרפט אַריינטראַכטן זיך, פּאַנאַנדערשיפרירן ביז דער קלענסטער דעטאַל און איינשטעלן דעם טעכנאָלאָגישן פּראָצעס. „צו וואָס? — האָט זיך עליע געטראַכט, — צו די רעמאָנטן דאַרף מען עס האָבן?... און אויב זיי ווילן קאָנטראָלירן די נאָרמעס, די אַרבעטס־מעטאָדן, איז פאַרוואָס עפּעס הינטן אַרום — איז עס דען דער ריכטיקער וועג צום קאָנטראָלירן?" ער האָט געוואָלט באַרירן דעם ענין, ס'איז אים אָבער אַלץ נישט אויסגעקומען און ער האָט זיך עס פאַרשפּאָרט: אָנהייב יאָר 1951 זענען די ווערפן גרייט געווען צו דער פּראָדוקציע פון קוטערס פאַר אונדזער ווייט־ימיקן פיש־פאַנג און קורץ נאָכדעם, ווי עליע האָט זיך עס דערוווּסט, האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט. איצט איז שוין אַ טייל פון דער פּראָדוקציע געווען אַ סטאַנדאַרטנע, ס'האָט זיך געשאַפן אַ מעגלעכקייט ווייטער, אין אָן אַ פאַרגלייך בעסערע באַדינגונגען, צו אַנטוויקלען דעם טעכנישן פּראָגרעס. פאַר עליען האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע מיפּולע אַרבעט. טריט נאָך טריט, דעטאַל נאָך דעטאַל האָט ער פאַנאַנדערגעאַרבעט די פּראָיעקטן, צוואַנציק מאָל איבערגעקלערט, ביז ער האָט איינגעשטעלט דעם טעכנאָלאָגישן פּראָצעס און דאַן געלאָזן אין גאַנג אין דער מאַסן־פּראָדוקציע. עס האָט זיך אויסגעברייטערט זיין אופן פון טראַכטן. איצט האָט ער געמוזט האָבן פאַר די אויגן דעם גאַנצן קוטער, אַלע פּראָצעסן, וואָס זיין אָפּטיילונג דאַרף אויספירן. ער טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר יעדער דעטאַל באַזונדער און אַלע צוזאַמען, וועלכע בילדן, צוזאַמענגעשלאָסן אין איין סיסטעם, אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער שיף. דער גרעסטער טייל פון דער אַרבעט ווערט אויסגעפירט אין וואַרשטאַט. דאָ ווערן צוגעגרייט די שאַלונקעס, די טירן, פענצטער, שיפרעק־קראַטאָוויצעס, מעבל אדגל. די צוגרייטונגען צו דער שיף ווערן אַלזאָ געמאַכט ווי אויף בלינד, די בויונג הויבט זיך אָן אין אלע אָפּטיילונגען גלייך. דו זעסט נאָך נישט קיין קאַדלוב פאַר די אויגן, נישט פאַראַן צו וואָס צו פּאַסן, מעסטן. נישט זעלטן קלאַפּט שטאַרקער דאָס האַרץ און די נערוון ווערן געשפּאַנט. אַ שפּריכוואָרט זאָגט: 7 מאָל מעסט, איידער דו שנײַדסט אָפּ. עליע וואָלט געמאָסטן נישט זיבן, נאָר צוואַנציק מאָל, אַבי האָבן די זיכערקייט. ער אַנאַליזירט כסדר די צייכענונגען, די אויסרעכענונגען, זוכט אומפּינקטלעכקייטן און קירעווער ווייטער מיט דער פּראָדוקציע. ס'העלפט נישט דאָס אַריינקלערן, — כל־זמן ער וועט נישט אַרויפגיין אויפן קאַדלוב, וועט ער נישט וויסן, צי די טעכנאָלאָגיע איז גוט פאַנאַנדערגעאַרבעט, צי שלעכט, צי די דעטאַלן וועלן שטימען אָדער נישט. סוף־כל־סוף האָט ער זיך דערוואַרט. עליע איז אַרויף אויפן אייזערנעם סקעלעט פון דער שיף אָפּצוגעבן דעם עקזאַמען פון זיין טעכנישער רײַפקייט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'זענען נייטיק אויסבעסערונגען, אייניקע דעטאַלן האָט מען אַפילו געדאַרפט איבערמאַכן, אָבער אין גרונט גענומען האָט

ער דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן — די דעטאַלן האָבן געשטימט. עליע טרעט נישט אָפּ פון די סטאָלאַריעס און טעסליער. ער אָבסערווירט זייער אַרבעט פון אָנהייב ביזן סוף, לערנט זיך — דאָס איז די ערשטע פּראַקטיק, ווייטער מוזן עלימינירט ווערן די באַמערקטע פעלערן, ס'דאַרפן דורכגעפירט ווערן די נייטיקע קאָרעקטעס, אויסגעבעסערט ווערן די טעכנאָלאָגיע. אין וואַרשטאַט ווערט דאָך שוין צוגעגרייט דאָס מאַטעריאַל צום צווייטן קוטער.

נאָך וואָכן אָנגעשטרענגטער אַרבעט איז געקומען אַ טיילווייזע אַנטשפּאַנונג. עליע האָט דאָס שווערסטע געהאַט הינטער זיך. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די וויכטיקסטע טעכנאָלאָגישע פּראָבלעמען, האָט ער זיך גענומען אָפּגעבן מיט דער אויספירונג — מיט דער קאָנקרעטער אַרבעט פון די באַלמעלאָכעס. ווי שטענדיק, האָט ער צום מייסטן אַכט געלייגט אויף די אַרבעטס־פּראָצעסן, וואָס חזרן זיך פיל מאָל איבער און פאַרשלינגען זייער פיל צייט, פיל מער, ווי ס'זעט פאָר די צייט־נאָרמע. אָט, למשל, די שליסונגען פון די שאַלונקעס: ווערטיקאַל שליסן זיך די ברעטער צונויף מיטן פעלץ, וואָס ווערט פריער געמאַכט אויף דער מאַשין, דאַקעגן די האָריזאָנטאַלע שליסונגען מוזן די סטאָליער מאַכן מיט דער האַנט. דאָס אויסשניידן און אויסשטאַמען די שליסונג אין פאָרם פון אַ זאַוויעסע דויערט פיל צייט, און ביים בעסטן ווילן פון אַרבעטער קומט נישט יעדעס מאָל אַרויס גלייך, ס'בלייבן טיילמאָל שפּאַרעס, אַנדערע ווערן אַריינגעטריבן מיט קראַפט. די טעכנישע קאָנטראָל דרייט מיט דער נאָז, דראָט מיט נישט אָננעמען די אַרבעט. עליע טראַכט וועגן די שליסונגען, זיי זענען אויסגעוואַקסן צו אַ באַדייטנדיקן פּראָבלעם, און ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ווען ס'וואָלט אים געלונגען צו מאַכן אַ פרעזער־מעסער לויט דער נייטיקער מאָס, וואָלט מען די שליסונגען געקאָנט אויספירן אויף דער מאַשין. מאַכן די צייכענונג האָט ביי אים לאַנג נישט געדויערט, און זי איז גלייך אַוועק אין דער מכשירים־טאָקעריי צום רעאַליזירן. די אויסבעסערונג האָט זיך איינגעגעבן. צענדליקער אַרבעטס־שעהן זענען איינגעשפּאָרט געוואָרן און אויף אַריבער צען פּראָצענט האָט זיך פאַרשנעלערט דער מאָנטאַזש.

אַזעלכע אויסבעסערונגען האָט עליע געמאַכט פיל מער. פאַר זיינע אויגן איז אויסגעוואַקסן דער ערשטער קוטער (פישער־שיף), דאָס ערשטע קינד פון די שטשעטשינער ווערפן. שווער איז אָנגעקומען אָט דער ערשטער געבורט. מ'האָט זיך נישט איינגעלייגט אין דער צייט, ס'איז פאַרברויכט געוואָרן פיל איבעריקער מאַטעריאַל. נישט איינמאָל איז אויסגעקומען צום איבערמאַכן, ס'זענען לאיבוד געגאַנגען פיל אָנשטרענגונגען, אַרבעט, שוויים און פינאַנס־מיטלען. אָבער דאָס ערשטע קינד איז געוואָרן אַ געשעענער פאַקט, איז אַראָפּ אויפן וואַסער. די אַר־

בעטער, אינזשיניערן און טעכניקער זענען דורכגעגאַנגען אַ שול, אָן וועלכער ס'איז נישט מעגלעך געווען איינצושטעלן די נאָרמאַלע סעריע־פּראָדוקציע.

ווען די פּראָדוקציע פון די פישער־שיפן איז שוין געווען איינגעשטעלט, האָט עליע ווידער אָנגעהויבן צו באַקומען פון דער טעכנאָלאָגישער סעקציע פאַרשידענע צייכענונגען מיטן ציל זיי צו פאַנאַנדעראַרבעטן — צוגרייטן די טעכנאָלאָגיע. פון אָנהייב האָט ער געמיינט, אַז ס'געשעט עפּעס אַ טעות. די ציפערן האָבן אים אויסגעקוקט צו זיין צו גרויסע, אָבער ווען ער האָט באַמערקט, אַז פון די חרובע אַראָפּשיפונגען („פּאָכילניע") האָט מען אינטענסיוו גענומען אַרויספירן די גרוזן און הונדערטער בוי־אַרבעטער פון פאַרשידענע אונטערנעמונגען האָבן זיך גענומען פאָרען ביי די צעשטערטע בנינים, ס'האָבן אָנגעהויבן וואַקסן די רושטאָוואַניעס און שווערע לאַסט־אויטאָמאָבילן האָבן כסדר גענומען פירן פאַרשידענע בוי־מאַטעריאַלן, האָט מען שוין עליען קיין פינגער אין מויל נישט געדאַרפט אַריינלייגן, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די ציפערן שטימען. ס'האָבן זיך אים דערמאָנט גרינגבוימס ווערטער, אַרויסגעזאָגטע דאַן, ווען ער איז אָנגעקומען אַרבעטן, און ער האָט אין זיי ווייניק וואָס געגלייבט: „שיפן! גרויסע, נייע שיפן וועלן מיר דאָ בויען!" איצט האָבן די ווערטער באַקומען זייער אינהאַלט.

גערעכט איז אויך געווען מאַיעווסקי. די באַשעדיקטע יעקישע אַראָפּשיפונגען („פּאָכילניע") און די סטאָקאַדעס זענען נישט פעיק געווען צו דער אַרבעט, זיי האָבן געמוזט פאַרביטן ווערן מיט נייע. ס'איז אָפּגערייניקט געוואָרן דער פּלאַץ, און די אַרבעטער האָבן באַוויזן וווּנדער. גראָבע 20־מעטראָווע אייזן־בעטאָנענע פּאַליעס האָבן זיך באַוויזן אויפן ברעג. פיר גרויסע דאַמף־האַמערס האָבן אָנגעהויבן אַריינהאַקן די פּאַליעס טיף אין דער ערד אַריין. עליע האָט מיט אַנטציקונג געקוקט אויף די מעכאַנישע גיגאַנטן. איינער נעבן אַנדערן, אין גלייכע ליניעס, זענען די פּאַליעס אַריינגעהאַקט געוואָרן. פון הויכן זענען זיי געשלאָסן געוואָרן און האָבן געשאַפן דעם סאָלידן פונדאַמענט פון די נייע אַראָפּשיפונגען אין די שטשעטשינער ווערפן. דאָס איז געווען אַ גיגאַנטישע, שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, מיט וועלכער די אַרבעטער האָבן זיך גלענצנד אַן עצה געגעבן.

איינמאָל אין דער פרי, ווען עליע איז געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט, איז צו אים צוגעקומען דער קוריער און מודיע געווען, אַז ער ווערט געבעטן אין דער פּערסאָנאַלער אָפּטיילונג. עליע האָט דערויף קיין אַכט נישט געלייגט. „שוין ווידער דאַרפן זיי האָבן ידיעות, — האָט ער זיך געטראַכט, — אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק חזרט זיך איבער דאָס זעלבע". ווען די סירענע האָט אָנגעזאָגט דעם מיטאָג־איבעררייס, איז עליע אַוועק אין ביוראָ. דאָ האָט אים דערוואַרט אַן אָנגענעמע איבערראַשונג, ער האָט באַקומען אַ דעלעגאַציע קיין גדאַנסק אויף די דאָר־

מיקע ווערפן. אין פאַרלויף פון אַ חודש האָט ער זיך געדראַפט באַקענען מיט דער אַרבעט פון דער דאָרטיקער האָלץ־אָפּטיילונג, מיט דער פּראַקטישער אַרבעט אויף די שיפן, מיט די טעכנאָלאָגישע פּראָצעסן. עליע איז דערפון געווען צופרידן. דאָרט וועט ער זיך געוויס פיל אויסלערנען און פאַרשפּאָרן טאָפּן אין דער פינצטער.

דער חודש אין גדאַנסק איז עליען דורכגעלאָפן ווי אַן אויגנבליק. דער דאָרטיקער טעכנאָלאָג בראַנדעס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַן אָנשטענדיקן מענטש, האָט עליען זייער פיין אויפגענומען און אים געוויסנהאַפט צוגעגרייט צו זעלבשטענדיקער אַרבעט. וויפל נייעסן האָט דאָ עליע געזען, וויפל מאָל האָבן זיך אים פון פאַרוווּנדערונג ברייט צעעפנט די אויגן, באַטראַכטנדיק די אַרבעט אין די וואַרשטאַטן און שפּעטער בעתן מאָנטאַזש פון גאַנצע סעקציעס אויף דער געבוימער שיף. ער האָט מיט אַנטציקונג אָנגעקוקט די מאַשינען, וועלכע ער האָט נאָך ביז דאַן נישט געזען, און מיט פאַרגעניגן געלייענט זייערע מאַרקעס: זאַוואָד „קראַסני דוויגאַטעל", „פּראָלעטאַרי" אאַ. שווערע אייזערנע ריזן, מיט לאַנגע אויסגעצויגענע העלדזער כאַפּן אונטער די פיל טאָנען ווענגדיקע טיילן, ווי שפּילצייג, און דערלאַנגען זיי פון נידעריקן ברעג אויף דער הויכער שיף, נישט פאַרלירנדיק דערביי אפילו אַ קרעכץ. דאָ איז געווען אַ נייע, ווייניק באַקאַנטע, נישט אין פאַרגלייך גרעסערע און ברייטערע וועלט. עליע האָט זיך מיט פליים גענומען לערנען. ער האָט זיך באַמיט אַלץ צו באַמערקן, יעדן וויכטיקן פּרט צו פאַרשרייבן, פאַרגעדענקען. אפילו בייגאַכט אין די חלומות האָט ער נישט געזען קיין אַנדערע זאַכן, ווי די מאַשינען, שיפן, צייכענונגען, אויסרעכענונגען...

עליע פאָרט אַהיים, ער איז פול מיט אומרו. מ'האָט אים געשיקט אויף אַ חודש צייט, נישט געזשאַלעוועט קיין הוצאות, צי וועט ער זיין אימשטאַנד צו באַרעכטיקן דעם צוטרוי, וואָס מ'האָט אים געשענקט? צי וועט ער זיך אַן עצה געבן מיט דער שווערער, אַזוי קאָמפּליצירטער טעכנאָלאָגיע פון אַ גרויסער שיף? דאָס, וואָס עס האָט אים דאָרט אין גדאַנסק נעבן שיף אויסגעקוקט צו זיין פּשוט און פאַרשטענדלעך, איז מיטאַמאָל געוואָרן ווייט און פרעמד. ער איז געבליבן בלויז מיט די צייכענונגען, ווייט פון בראַנדעסן. ווער ווייסט... הלוואי זאָל גוט זיין...

פאַר דער האָלץ־אָפּטיילונג האָט זיך געבויט אַ נייע פּראָדוקציע־האַלע. די וואַרשטאַטן האָבן געדאַרפט איבערגעטראָגן ווערן פון ערשטן שטאָק אויפן פּאַרטער. די אָפּטיילונג האָט באַקומען אַ פּאַרטיע שפּאָגל נייע מאַשינען, נישט קיין ערגערע, ווי עליע האָט געזען אין גדאַנסק — פון סאָוויעטישער אָפּשטאַמונג. אין מאַי האָט שוין די אָפּטיילונג געדאַרפט זיין טעטיק און לויטן פּלאַן אויספירן אַן האַלבן פּראָצענט פאַרטיקייט פון דער ערשטער שיף, אָבער נעכטיקע טעג — די

מאַשינען זענען נאָך אפילו נישט איינגעשטעלט געוואָרן. אין דער נישט פאַרענדיקטער האַליע דרייען זיך אַרום פיל אַרבעטער פון פאַרשידענע בוי־אונטערנעמונגען, אָבער די אַרבעט גייט זייער פּאַוואָליע. קאָמאָראָווסקי, דער אָנפירער פון דער אָפּטיילונג, מאַכט זיך פון דעם גאָרנישט. „האָט טענות צו דער אינדוסטריעלער בוי־פאַראייניקונג, צום עלעקטראָ־מאָנטאַזש אאַ. זיי שלעפּן דאָך אָפּ די אַרבעט, וואָס קאָן איך העלפן", — פלעגט ער צעפירן די הענט.

די בעסטע אַרבעטער פון דער סטאָליערײַ: יאַוואָרסקי, טשעשעלסקי אאַ. האָבן אָבער געהאַט אַן אַנדער מיינונג. זיי האָבן שאַרף קריטיקירט קאָמאָראָווסקין און אים פאָרגעוואָרפן, אַז צוליב זיין נאַכלעסיקייט און פעלן פון איניציאַטיוו שלעפּט זיך אָפּ די אַרבעט, ס'איז דערגאַנגען צו אָפטע צוזאַמענשטויסן צווישן אים און די אַרבעטער. מיטן ענין האָט זיך פאַרנומען די דירעקציע. יאַוואָרסקי האָט דעם ענין געשטעלט אויף דער עקזעקוטיוו פון דער גרונטיקער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. קאָמאָראָווסקין איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף זיינע פעלערן און ס'איז אים געגעבן געוואָרן אַ מעגלעכקייט זיי צו פאַרריכטן, אָבער דאָס האָט ווייניק וואָס געהאָלפן, ביזן 5־טן יוני האָט זיך אין דער אָפּטיילונג כמעט גאָרנישט געביטן, וועגן אָנהייבן די פּלאַנירטע פּראָדוקציע איז קיין רייד נישט געווען. בכדי צו ראַטעווען דעם פּלאַן האָט מען געדאַרפט אונטערנעמען ענערגישע טריט.

און טאַקע דעמלט, אויף דער פּראָדוציר־באַראַטונג, אויף וועלכער ס'איז באַהאַנדלט געוואָרן די לאַגע אין דער האָלץ־אָפּטיילונג, איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַזייטיקן קאָמאָראָווסקין פון דער אָנפירונג און אויף זיין אָרט אַוועקשטעלן עליע ווישניאַקן. געווען איז עס דעם 5־טן יוני 1952. דער קאָלעקטיוו האָט אויף עליעס פּלייצעס אַרויפגעלייגט אַ נייע שווערע אויפגאַבע, דאַן, ווען ער איז געווען שטאַרק פאַרטאָן מיטן צוגרייטן די נייע טעכנאָלאָגיע, ווען ער איז צו דעם אַמוייניקסטן צוגעגרייט געווען. מעגלעך, אַז עליע וואָלט די נייע נאָמינאַציע נישט אָנגענומען, ווען נישט די שטעלונג פון די אַרבעטער, אין דער ערשטער ריי פון די פאַרטיי־מיטגלידער און בעסטע אומפּאַרטייאישע. עליע האָט געפילט, אַז אָפּוואַרפנדיק דעם פאָרשלאַג, טוט ער אַן עוולה די אַלע, וואָס שענקען אים זייער צוטרוי, וואָס גלייבן אין אים. ער האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן די לאַגע. די אונטערשטיצונג פון די אַרבעטער און זיין טיפער גלויבן אין זייער שעפערישן ענטוזיאַזם האָבן געשטאַרקט זיינע כוחות. מראָטשקאָווסקיס פיינטלעכער בליק האָט פאַנאַנדערגעפלאַקערט זיין אַמביציע, און כאָטש אָן א שיעור ספיקות האָבן אים געמאַטערט, האָט ער זיך געשטעלט אויפן נייעם פּאָסטן.

די וויכטיקסטע אויפגאַבע איז געווען וואָס שנעלער אַוועקצולאָזן די פּראָדוקציע. יעדע שעה איז געווען טייער. ווי מאַכט מען עס? עליע האָט געזען, אַז די בוי־אַרבעטער טראָגן נישט קיין גרויסע שולד פאַר דער געשאַפענער לאַגע,

זיי ווערן ממש צעריסן, מ'לאָזט זיי נישט אַרבעטן, יעדער שלעפּט צו זיך. האָט בלויז זיין אָפּטיילונג אין זין. עליע האָט צו דעם געמאַכט אַ סוף, אָבער דאָס האָט נישט געקאָנט לעזן דאָס פּראָבלעם. ער באַראָט זיך מיט די אַרבעטער־שלאָגלער, ס'קומט פאָר אַ לאַנגער מיינונגס־אויסטויש און עס ווערט אויסגעאַרבעט אַ קאָנקרעטער אַרבעטס־פּלאַן אויף די נאָענטסטע 5 טעג. אין דער אָנגעצייכנטער צייט מוז אָפּגערייניקט ווערן דער טייל פון דער האַליע, וווּ ס'האָבן געדאַרפט שטיין די וויכטיקסטע מאַשינען, עס מוזן געלייגט ווערן די פונדאַמענטן און געלאָזט ווערן אין גאַנג די פּראָדוקציע. אַן אויפגאַבע איז עס נישט געווען קיין לייכטע, אָבער אַ נאָענטע צום האַרצן כמעט יעדן אַרבעטער. איז טאַקע געווען אַ נחת צו קוקן, ווי די פיזישע אַרבעט האָט געברענט אין די הענט פון די קוואַליפיצירטע באַלמעלאָכעס! מ'האָט זיך נישט גערעכנט מיט קיין צייט און אָנשטרענגונגען. די בוי־אַרבעטער האָבן אונטער זייער ווירקונג אויך פאַרשנעלערט דעם טעמפּ, און אייდער ס'האָט באַוויזן צום פערטן מאָל אויפצוגיין די זון, זענען שוין געלעגן די פונדאַמענטן. צענדליקער קובאָמעטער גרוז און נישט נייטיקן אָפּפאַל פון רעמאָנט האָבן די אַרבעטער באַזייטיקט פון צעך אין דער צייט, ווען אַנדערע האָבן צוגעגרייט צום שטעלן די מאַשינען. און אַלץ וואָלט געווען אין אָרדענונג, ווען נישט די פאַרשלעפּטע, ווי אַ קרענק, אַרבעט פון די עלעקטראָמאָנטערס. עס גייט שוין דער דריטער טאָג, און ביי זיי רירט זיך כמעט נישט פון אָרט. ביז זיי וועלן פאַרענדיקן דאָס לייגן די אונטערערדישע קאַבליעס, וועט דויערן ווער ווייסט וויפל. עליע דעצידירט זיך דעריבער אויף אַ געוואַגטן שריט — אויף אייגענער האַנט שליסט ער זיך אָן אין דער נאָענטסטער עלעקטרישער אונטערסטאַציע און מיט דער הילף פון דרייפאַכיקע קאַבליעס פון די שוויס־אַפּאַראַטן דערפירט ער עלעקטרע צו די מאָטאָרן פון די מאַשינען. צום באַשטימטן טערמין האָט גערירט די גרויסע צירקל־זעג, די ערשטפאַזיקע העבליאַרקע און די אויסגלעט־העבליאַרקע. די האַליע איז אויסגעפילט געוואָרן מיטן גערויש פון די מאַשינען, דער צעך האָט אויפגעלעבט. עליע רוט אָבער נישט. די פּראָוויזאָרישע עלעקטרישע נעץ באַאומרואיקט אים, און ער שטייט נישט אָפּ פון די עלעקטרעמאָנטערס, ער לאָזט אויך נישט צורו די בוי־אַרבעטער. ער וויל פון זיי וואָס שנעלער פּטור ווערן, בכדי קאָנען קאָנצענטרירן די אָפּטיילונג אויף איין אָרט און זיך פאַרנעמען בלויז מיט ענינים פון דער פּראָדוקציע. ס'קומט אים צוהילף די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע — די מיטגלידער באַשליסן, כדי צו פאַרשנעלערן דאָס אַרויסענדיקן די פּראָדוקציע־האַליע, יעדן טאָג אין די ראַמען פון געזעלשאַפטלעכן טאַט אַרבעטן 2 שעה ביים רעמאָנט. זייער ביישפּיל ווערט אונטערגעכאַפּט דורך די אומפּאַרטייאישע, די אַרבעט רוקט זיך שנעל פאָרויס ביז אינקורצן בלייבן שטיין די עטלעכע צענדליק מאַשינען, ווי זעלנער, אין צוויי לאַנגע רייען.

עליע גיט זיך איצט אינגאַנצן אָפּ די פּראָבלעמען פון דער פּראָדוקציע. עס וואַקסן אין צאָל די צוגעגרייטע עלעמענטן און דעטאַלן. צענדליקער פּעססמעטער האָלץ ווערן אויסגעאַרבעט, און אין עליען וואַקסט, צוגלייך מיטן געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, דער אומרו, אַז ענלעכער ווי דעמלט, ווען ער איז צוגעטראָטן צו אַרבעטן פאַרן ערשטן קוטער, אָבער איצט איז דער אומרו אַ גרעסערער. ערשטנס, איז ער דעמלט געווען בלויז טעכנאָלאָג, היינט איז ער לייטער פון דער שטאַרק אויסגעוואַקסענער אָפּטיילונג און אויך טעכנאָלאָג. דער דעמלטיקער קוטער אין פאַרגלייך מיט דער היינטיקער שיף זעט אויס צו זיין אַ שפּילצייג — אַ שאַכטל פון שוועבעלער. ס'איז עפּעס אַ קלייניקייט צושניידן אַזויפיל מאַטעריאַל גלייך אויף צוויי שיפן, אפשר וועט גאָר נאָכדעם נישט טויגן, נישט פּאַסן, מ'וועט מוזן איבערמאַכן... עליע האָט נישט ליב די אַרבעט אין דער פינצטער, ווי וואָלט דאָס אָבער אויסגעזען, ווען איין אָפּטיילונג וואָלט געוואַרט אויף דער צווייטער, וויפל וואָלט דאַן געדויערט מאַכן אַ שיף. ער האָט זיך געטרייסט — יעדער אָנהייב איז שווער, מען מוז צאָלן רבי־געלט. אָבער דער אומרו האָט אים נישט פאַרלאָזט, ביז וואַנען ער איז נישט אַרויף אויפן אייזערנעם סקעליעט — דעם קאַדלוב פון דער שיף, און אַנדערע גרויסע שוועריקייטן האָבן צוגעשמידט צו זיך זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. אָבער צום אַרויפגיין אויפן שיף איז נאָך געווען ווייט.

צרות האָט עליע געהאַט פון עפּעס אַנדערש. זיינע באַציונגען מיט מראָטשקאָווסקין, דעם מייסטער, און נייעם טעכנאָלאָג אינזש. אורבאַנסקי האָבן זיך נישט צונויפגעלייגט אַמבעסטן. זיי האָבן געזוכט עליען אונטערצושטעלן אַ פיסל, און דאָס בלויז צוליב קנאה און פאַלשער, נישט געזונטער אַמביציע. מראָטשקאָווסקי האָט אים ממש געטראָטן אויף די פּיענטעס און געזוכט דעם קאָזיר, מיט וועלכן אים צו שלאָגן, דערביי איז דערגאַנגען צו אַ באַלערנדיקן קוריאָז. די סטאַליארעם האָבן געגרייט 90 טירן צו די קאַיוטעס, ס'איז איינגעשטעלט געוואָרן די נייטיקע אַרבעטס־אָרגאַניזאַציע, און די אַרבעט איז געגאַנגען לויטן טאַשמע־סיסטעם. ווען אונטער עליעם אויפזיכט איז פאַרטיק געוואָרן דער פּראָטאָטיפּ — די ערשטע טיר, האָט מראָטשקאָווסקי נישט געמאַכט קיין שום באַמערקונגען, האָט נישט גערעדט קיין וואָרט. ערשט ווען די טירן זענען שוין געווען פאַרטיק, איז ער אַוועק מיט אַן אָנקלאַגע צום דירעקטאָר: די טירן זענען איבערגעפירט, די שויבלעכער זענען געמאַכט קאַפּויער — אָנשטאָט, ווי נאָרמאַל, פון אויבן, האָט זיי עליע געמאַכט פון אונטן... ממש אַרויסגעוואָרפן מאַטעריאַל און אַרבעט.

עליע גייט צום דירעקטאָר. נאָך וואָס, ווייסט ער נישט. מ'האָט געשיקט נאָך אים, גייט ער. ס'איז דען אַ נייעס, אַז מען באַראַט זיך מיט אים. עליען איז אַפילו נישט פאַרדעכטיק, וואָס מ'רופט אים אינמיטן דער אַרבעט, ער האָט אויף דעם

קיין אַלץ נישט געליגט. איבערגעטראָטן די שוועל פון דירעקטאָרס קאַבינעט, דערזען דאָרט זיצן דעם סעקרעטאַר פון דער גרונטיקער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע מיט אַן ערנסט פּנים, דערפילט די אָנגעצויגענע אַטמאָספער, האָט עליע גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט סתם אַ באַראַטונג — ס'איז עפּעס געשען.

דער דירעקטאָר יענדזאַ האָט גלייך אָן אַ ווערטער נישט איז אַריינפיר געשטעלט עליען אַ האַרבע פראַגע:

— ווי איז עס געשען, אַז איר, אַ פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעטער, זאָלט דערלאָזן צום איבערפירן 90 טירן — באַרעכנט אַליין, 90 טירן?

עליעס אויגן האָבן אויסגעדריקט פאַרווּנדערונג און אומגעדולד. ער האָט אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען און נייגעריק געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— ווער האָט עס געזאָגט?

יענדזעס בליק איז געוואָרן אַלציינס ערנסט, דער טאָן איז שוין אָבער געווען אַן אַנדערער, אַ מילדערער.

— מאַך זיך נישט טאַמעוואַטע, — האָט ער געזאָגט, — מיר ווייסן, אַז די שויבן-לעכער האָסטו געמאַכט פון אונטן אָנגעשטאָט פון אויבן... ווי האָסטו געקאָנט דערלאָזן צו מאַכן אַזאַ טעות?

עליע האָט זיך פאַרטראַכט. אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ לייכטער שמייכל. ער האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין אין וואָס עס גייט. עמעצער האָט די אַוואַריע-לעכער אָנגענומען פאַר פענצטער און האָט דערטראָגן, אין טעות אַריינגעפירט די דירעקציע. ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און גענומען אויפקלערן:

— ס'איז קיין שום טעות נישט געשען. אין די טירן צו די קאַיוטעס איז אין אַלגעמיין קיין פענצטער נישט פאַראַן. דאָס זענען עפענונגען, וועלכע ווערן פאַרשטעלט מיט אַ צוגעפּאַסט ברעטל, אַ צוגעפּעסטיקטס מיט דינע לייסטלעך און עטלעכע משוועקלעך, דאָס איז ספּעציעל צוליב זיכערקייטס-צוועקן...

דער דירעקטאָר האָט זיך האַרציק פאַנאַנדערגעלאַכט, דער סעקרעטאַר נאָך אים. „אַ צייכענונג דאַרף מען קאָנען לייענען, — האָט ער געזאָגט, — געוויס דאַרף מען קאָנען...“

מראָטשקאָווסקי האָט באַקומען דעם פאַרדינטן פּסק און איז שטיל געוואָרן.

אין ברען פון דער אַרבעט האָט עליע אויך געפונען צייט צו מאַכן ראַציאָנאַליזאַציעס, צו קאָנטינוּאירן נייע אַרבעטס-מכשירים, וואָס האָבן געגעבן עקאָנאָמיע אין אַרבעטס-צייט. ער קאָנסטרואירט אַ ספּעציעלן פרעזער-מעסער צו דער מעכאַנישער האַנט-מאַשינקע.

צווישן אַנדערן מעבל און איינריכטונגען פֿאַר דער שיף דאַרף מען מאַכן אַ גרויסע צאָל רעגאַלן (ספּעציעלע פּאָליצעס). די ברעטער צו זיי מוזן ביי די עקן זיין פֿאַררונדיקט. דאָס אויספּירן אָט די אַרבעט פֿאַרשלינגט פֿיל צייט. מען דאַרף פֿריער אָנצייכענען, שפּעטער שניידן אויף דער באַנד־זעג, וואָס עס איז גענוג קאָמ־פּליצירט. עליע טראַכט צו אַ זייער פּשוטן אופֿן פֿון עלימינירן דאָס צייכענען און גלייכצייטיק פֿאַרבעסערן די קוואַליטעט.

די סטאָליעריי האָט שוין געאַרבעט מיט דער גאַנצער פּאַרע. בכדי צו פֿאַר־זיכערן דעם גאַנג פֿון דער אַרבעט, איז מען צוגעטראָטן צוגרייטן מאַטעריאַל צו דער צווייטער שיף. עליען האָט עס אַ ביסל געערגערט, ווידעראַמאָל די אַלטע מעשה — ער ווייסט נאָך נישט, צי די ערשטע איז גוט און מאַך שוין די צוויי־טע. ער האָט זיך פֿריער געטראַכט: מ'וועט אַרויפֿגיין אויף דער שיף, מ'וועט זען, וואָס ס'טויג יאָ, וואָס נישט, מ'וועט פֿאַרפֿולקאָמען די טעכנישע דאָקומענטאַציע, וועט די אַרבעט ביי דער צווייטער גיין ווי אַ זמרל. און דאָ... גיי אַרויף, אַז די קאָרלובאָוויטע פֿאַרשלעפּט די אַרבעט, אַז ס'דויערט ביי זיי אַ סך מער חדשים, ווי דאָס באַדאַרף צו זיין. עליע קוקט אָפּט אין דער זייט פֿון דער אָראָפּשיפּונג, פֿון וואַנען ס'דערטראָגט זיך דאָס קלאַפּן פֿון די ניטעוועס און דאָס סיטשען פֿון די שוויים־אַפּאַראַטן, און פֿאַרשטייט נישט, פֿאַרוואָס וואַקסט דער אייזערנער סקעליעט אַזוי פּאַמעלעך. וואַרשיינלעך איז דער אינזש. ברום גערעכט: „דאָ זע־נען ווערפֿן, נישט קיין גאָרטן", מ'מוז האָבן געדולד.

דערווייל האָבן זיך געמאַכט נייע שוועריקייטן, ס'האָט זיך געענדיקט דער זאַפּאַס אָפּגעלעגענער מאַטעריאַל. דאָס נייע האָלץ האָט געהאַט צופֿיל פֿייכטקייט, ס'האָט געדראָט מיט פֿאַרהאַמעווען די אַרבעט אין דער סטאָליעריי. קיין טרוקן־קאַמער איז נאָך אויפֿן אָרט נישט געווען. נישט וועלנדיק דערלאָזן צו איבעררייסן אין דער אַרבעט, האָט די דירעקציע געמאַכט אָפּמאַכן מיט פֿאַרשידענע אונטער־נעמונגען אין שמשעטשין. מ'האָט געפֿירט טרוקענען דאָס האָלץ אויף די צענטע גאַסן. דאָס איז געווען שטאַרק אומבאַקוועם: יעדע אונטערנעמונג האָט אין דער ערשטער ריי אין זינען די אייגענע באַדערפֿענישן, צווייטנס, האָט עס באַדייטנד געהויבן די זעלבסטקאָסטן פֿון דער פּראָדוקציע. די פֿראַגע פֿון אַן אייגענער טרו־קן־קאַמער האָט גערופֿט געלייזט ווערן אין די ראַמען פֿון דער אונטערנעמונג. אַזאַ לעזונג איז געווען פֿאַרויסגעזען אין אינוועסטיציע־פּלאַן, אָבער... ערשט אין אַ יאָר אַרום, און די קרעדיטן אויף דעם צוועק זענען געווען שטאַרק באַגרענעצט. וואָס טוט מען?

עליע קריכט אַרום איבערן גאַנצן שטח פֿון די ווערפֿן, זוכט, נישטערט, וויל געפֿינען עפּעס אַן אָביעקט, וואָס זאָל קאָנען אויסגענוצט ווערן צו דעם צוועק, אָבער לײַדער אָן דערפֿאָלג. טאָמער האָט זיך אים געדאַכט, אַז די נישט גרויסע

געמויערטע בודע אויפֿן רעכטן ברעג פֿון די ווערפֿן וועט טויגן, האָבן אים די אינזשיניערן שנעל אַרויסגעפֿירט פֿון טעות. — קאָפּ! וווּ איז די צענטראַלע באַהייצונג... זיי זענען גערעכט געווען. עליע האָט געמוזט מסכים זײַן. כ'איז דאָך אָבער שלעכט...

נישט מיט איין מאָל איז עליען געקומען אין קאָפּ דער געדאַנק, אַז דאָס פּראָבלעם דאַרף מען דערלייזיקן אין די ראַמען פֿון אייגענעם צעך. דאָ איז צו דער צענטראַלער באַהייצונג אַ שפּאַן — בלויז דורכהאַקן די פּאָדלאָגע, און אָרט איז אויך פֿאַראַן. דער לינקל ווינקל איז אַ פֿאַרמויערטער. דאָרט דאַרפֿן שטיין די שליפֿערקעס. ווען מען גיט אַ פֿאַרמויער דאָס פֿענצטער און פֿון דער טיר אַ מאַך אַ ברייטן טויער, איז כמעט אַלץ פֿאַרטיק, קאַלאָריפֿערן פֿעלן נישט, וואַלגערן זיך אויף יעדן טריט, אַ פּאָר ווענטילאַטאָרן — און דער ענין איז געלייזט. ס'זאָגט זיך אַזוי געלייזט. מעלדע נאָר וועגן דעם — און ס'וועלן אָנהייבן גיין קאָמיסיעס איינע נאָך דער צווייטער, עס וועלן זיך אַרײַנמישן די פּאַכלײַט, אינזשיניערן, טעכניקער, זיי וועלן אָנהייבן וועגן און מעסטן, זיך באַראַטן... עס וועלן גיין וואָכן און חדשים, ביז מען וועט צוטרעטן צו מאַכן די דאָקומענטאַציע — ס'וועט זײַן אַ מעשה אָן אַ ברעג, און טריקענען דאָס מאַטעריאַל איז שוין נישטאָ ווו. עליע וויל אויסמײַדן דעם אָפֿיציעלן וועג. אין אַ וואָך, שפּעטסטנס צוויי דאַרף זײַן פֿאַרטיק די טרוקן־קאַמער. אָבער אינגאַנצן אין דער שטיל קאָן מען אויך נישט. ווי שפּאָרזאַם מ'זאָל נישט זײַן, מוז דער ענין קאָסטן עטלעכע טויזנט זלאָטעס. אָן דעם לייטער פֿון דער אינוועסטיציע־אָפּטיילונג קאָן מען גאָרנישט אויפֿטאָן, קיינער וועט נישט וועלן און דאַרף נישט אַרבעטן אָן געלט. און עליע הייבט אָן בויען די טרוקן־קאַמער אָן פֿאַרשטענדיקן זיך מיטן לייטער פֿון דער אינוועסטיציע־אָפּטיילונג. דער דירעקטאָר האָט באַשטעטיקט דעם פּרעלימינאַר, נישט לאַנג אַרײַנטראַכטנדיק. האָבנדיק פֿאַרזיכערט די נייטיקע מיטלען, טרעט עליע צו אויף אייגענער האַנט צום רעאַליזירן דעם פּלאַן. ער האָט נאָך דאַן נישט אָפּגעשאַצט, אַז כאָטש ער וויל בלויז גוט פֿאַר דער אונטערנעמונג, איז עס אין גרונט אַ שטיק פֿאַרטיזאַנישינע, וואָס דאַרף פֿאַראורטיילט ווערן.

קרוב 10 טעג האָט געדויערט די אינעווייניקסטע אַרבעט, דאָס איז מעגלעך געווען אַדאַנק דעם גרויסן אויטאָריטעט, וואָס עליע האָט געהאַט ביי די אַרבעטער. נישט די מויערער, נישט די אינסטאַלאַטאָרן פֿון דער צענטראַלער באַהייצונג און נישט די עלעקטריקער האָבן ביי אים געפֿאָדערט די טעכנישע דאָקומענטאַציע. זיי האָבן געטאָן דאָס, וואָס ער האָט זיי געהייסן, אָריענטירנדיק זיך אויף זײַנע פּראָוויזאָריש געמאַכטע נישט באַשטעטיקטע צייכענונגען. עליע האָט געברענט פֿון אומגעדולד, ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער אַרויסענדיקן די אונטערנעמענע אַרבעט. ער האָט שטאַרק מורא געהאַט, אַז דער גאַנצער ענין וועט פֿאַר

דער צייט אַנטדעקט ווערן, ס'וועט אויסברעכן אַ סקאַנדאַל, און דאַן, ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ גורל ס'קאָן טרעפן דעם גאַנצן פּלאַן.

12 אַזייגער ביינאַכט איז עליע אַוועק אַהיים. זאָלן זיך איצט די אינזשעניערן — די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר די באַזונדערע אָפּשניטן — און ווער סע וויל נאָר שרייען אפילו ביזן הימל. פאַר אים איז וויכטיק דאָס, וואָס די טרוקן־קאַמער איז פאַרטיק. איצט, וואָס שטאַרקער זיי וועלן שרייען, אַלץ שנעלער וועט מען אויסבעסערן די געמאַכטע טעכנישע פעלערן, און דאָס וויל ער דאָך טאַקע. וויכטיק איז דאָס, וואָס ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט פאַר אַ געשעענעם פאַקט.

באַגינען, 5 אַזייגער, לויפט עליע צוריק אויף די ווערפן. דאָרט איז שוין געווים אויפגעהויבן די פאַרע — עס וואָרעמט אָדער נישט? מעגלעך, אַז די גאַנצע אַרבעט זאָל זיין אַרויסגעוואָרפן, ווי וועט ער דאַן אַרויסקריכן פון דער סיטואַציע, ווי וועט ער זיך אויסרעכענען?

אין דער אַרבעט־האַליע איז ער אַריינגעפאַלן ווי אַ ווינט און, נישט אַרומקוקנדיק זיך, געלאָזט זיך צו דער טרוקן־קאַמער. ער האָט מיטאַמאָל אַן עפן געטאָן די טיר און געמאַכט עטלעכע טריט. די הייסע לופט האָט אים אַ ברי געטאָן אין נאָז, ס'האָט אים פאַרהאַקט דעם אָטעם און ער האָט זיך גענומען צוריקציען.

איצט, זיצנדיק אַליין אין דער שטילער האַליע, האָט עליע דערפילט אַ מידקייט אין אַלע גלידער, און ער איז שלעפעריק געוואָרן. פאַקטיש האָט ער שוין געקאָנט גיין אַהיים, איינפאַקן אַ פעקעלע און היידאַ אין דאָרף אַריין צו ווייב און קינדער, זיי וואַרטן שוין אויף אים מיט אומגעדולד. זיין אורלויב האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן מיט 5 טעג צוריק, אָבער גיי פאָר אַוועק, נישט אַרויסענדיקנדיק די אַרבעט. יאָ, איצט קאָן ער שוין. דערמאָנט זיך וועגן דער פרוי, האָט ער זיך גענומען מאַכן פאָרווורפן: „געדאַרפט שיקן אַ טעלעגראַמע... געדאַרפט... זי טראַכט געווים איבער...“

אָבער עליע רירט זיך נישט פון צעד, ער וואַרט. ס'וועט זיך אָנהייבן די שיכט, וועט ער גלייך אָנלאָדן די ערשטע פאַרטיע האָלץ אין טרוקן־קאַמער, ער וויל זיין דערביי. נאָכדעם וועט ער שוין גיין צום צוג...

שפעטער איז אַלץ פאָרגעקומען, ווי עליע האָט זיך עס פריער פאָרגעשטעלט. אַרום דער טרוקן־קאַמער איז געמאַכט געוואָרן אַ גרויסער טומל. בעתן גאַנצן שטורעם איז עליע געווען אין דאָרף אויף אָפּרו. דאָס האָט אים פאַרשפאָרט פיל בייז בלוט. די טרוקן־קאַמער האָט אָבער געאַרבעט אָן איבעררייס, און אין אַ האַלב יאָר אַרום איז מען צוגעטראָטן מאַכן דעם נייטיקן קאַפּיטאַלן רעמאָנט. זינט דאַן איז די טרוקן־קאַמער איינגעאָרדנט לויט אַלע כללים פון דער טעכניק. עליע האָט געלייזט דאָס שווערע פּראָבלעם.

די סטאַליעריי האָט באַקומען די טרוקן־קאַמער, אָן וועלכער ס'איז נישט מעגלעך געווען צו אַרבעטן, די אונטערנעמונג — אַן אָפּשפּאָרונג פון הונדערטער טויזנטער זלאָטעס, עליע — אַ באַדייטנדיקע פּרעמיע.

—

דעם 15־טן דעצעמבער 1952 איז געשען אַ גאָר וויכטיקע געשעעניש אין לעבן פון די שטשעטשינער ווערפן — ס'איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אויפן וואַסער דער ערשטער קאַדלוב. אויפן לשון פון די שיפבויער הייסט עס: ס'איז געוואַסערט געוואָרן די ערשטע שיף. עליע האָט געקלערט, אַז ס'איז שוין געקומען די לאַנג דערוואַרטע מינוט, אָבער אינקורצן האָט ער זיך איבערצייגט, אַז מיטן אַרויפגיין אויפן שיף איז נאָך נישט אַזוי פּשוט. פריער מוזן דורכגעפירט ווערן די נייטיקע פּראָבן, ס'מוז דורכגעקאָנטראָלירט ווערן יעדעס שטיקל, יעדע נאָט, צי ס'לאָזט נישט אַמאָל אַדורך קיין וואַסער. און אַז דאָס אַלץ איז שוין פאַרענדיקט געוואָרן, און די שיף איז געוואָרן רעגיסטרירט אין „רעגיסטראַטור־אַמט" („רעיעסטר מאָרסקי" — אַן אינטערנאַציאָנאַלע אינסטיטוציע) און דורכן אַרמאַטאָר, זענען אַרויף אויפן שיף די... אינסטאַלאַטאָרן פון דער רערן־אָפּטיילונג (וואַסער־לייטונג, קאַנאַליזאַציע), שפּעטער די שלאָסער און צום סוף עליע מיט זיין גאַנצער אָפּטיילונג — סטאָליער, טעסליער און מאָלער.

אויפן שיף האָט זיך עליע פאַרלוירן. פון וואָס הייבט מען פריער אָן, ווי און ווו צעשטעלט מען די מענטשן, ווי קאָאָרדינירט מען די אַרבעט פון אַלעמען. אויפן שיף איז ער נישט איינער, אַנדערע אָפּטיילונגען וואַרטן אויף אים, ער זאָל זיי געבן אַ מעגלעכקייט צו פאַנאַנדערוויקלען זייער אַרבעט. שווער... באמת שווער... אָבער עליע איז נישט פאַראייניזאַמט, עס העלפן אים צו דער אינזשיניער ברוס פון דער קאַדלובאָווניע, דער אינזשיניער טאָמטשאַק פון דער עלעקטרישער אָפּטיילונג, דער בוי־לייטער (קאָאָרדינאַטאָר פון דער גאַנצער בויונג), אינזש. מעלצאַזש אא. זיי טיילן זיך מיט אים מיט זייער דערפאַרונג און באַראַטן זיך צוזאַמען. ביסלעכווייז הייבן אָן באַזייטיקט צו ווערן די ערשטע שוועריקייטן. פאַר עליען שאַפט זיך אַ קלאָר בילד פון דער לאַגע, און פאַמעלעך באַהערשט ער די גאַנצקייט פון דער אַרבעט, וואָס עס דאַרף אויספירן זיין אָפּטיילונג. אויך די מייסטער, ספּעציעל דער יונגער איוואַנעק, האָבן שנעל געוווּנען די זעלבשטענדיקייט, ס'איז לייכטער געוואָרן — עליע האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

קוים זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט, האָבן זיך געמאַכט נייע שוועריקייטן, ס'איז אויסגעקומען לעזן פיל פּראָבלעמען, וועגן וועלכע מ'האָט פריער קיין אַנונג נישט געהאַט, פּראָבלעמען, וועלכע פלעגן אַנטשטיין אין פּראָצעס פון דער אַרבעט. אָט, צום ביישפּיל, ביים איינשטעלן דאָס מעבל אין

די קאַיוטעס פון דער מאַנשאַפט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קאָיע (הילצערן בעט) דאַרף שטיין פונקט דאָרט, ווו ס'איז די ווענטילאַציע, און ס'וועט דאָרט דעם מאַטראָס בלאָזן אין אויער, דאָ גייט דורך די רער פון דיזעל פונקט אין שאַפע אַריין און נאָך ענלעכע זאַכן. מען מוז אָפּטרעטן פון די צייכענונגען, מאַכן קאָרעקטעס. דאָס זענען אָבער געווען פאַרהעלטנישמעסיק קליינע ענינים, מיט וועלכע מ'האָט זיך לייכט אַן עצה געגעבן. ס'זענען אויך געווען פיל שווערערע פּראָבלעמען.

דער אינזשיניער אורבאַנסקי, טעכנאָלאָג פון דער האָלץ־אָפּטיילונג, פּטרט פיל צייט נעבן די טעסליער, וואָס מאַכן דעם שאַלונעק אין ערשטן קוילן־בונקער. די אַרבעט פאַרשלעפּט זיך דאָרט, דאָס צוגעגרייטע מאַטעריאַל שטימט נישט אין דער מאָס. צוואַנציק מאָל מוז מען איבערוואַרפן דעם מאַטעריאַל און צוקלייבן די בעלקעס איינע זאָל שטימען מיט דער אַנדערער, עס זאָלן זיך נישט באַקומען קיין שפּאַרעס. האָט מען פיל מאָל געמוזט אָנציען, צוגלייכן מיט דער האַק, מ'האָט ווי עס איז פאַרלאַטעט. דער בונקער איז שוין געווען פאַרטיק.

— ס'וועט זיין גוט, — האָט אורבאַנסקי געזאָגט צו עליען, — מיט דער לאַדאָווניע דאַרף מען זיך נישט קושן, דאָ וועט מען שיטן קוילן.

אונטער דער ווירקונג פון די אַטמאָספערישע באַדינגונגען זענען אָבער אַרויסגעקראָכן אַלע געמאַכטע פעלערן, דער בונקער האָט אויסגעזען אַז אָך און וויי. דער אַרמאַטאָר (אָפּנעמער פון דער שיף — קאַפּיטאַן), דערזעענדיק די שפּאַרעס, האָט געמאָלדן קורץ און שאַרף, „כ'וועל עס נישט אָננעמען". פון זיין זייט איז עס נישט געווען קיין קאַפּריז. דער דעק דאַרף זיין געמאַכט אזוי, אַז די ברעקלעך קוילן זאָלן זיך נישט אַריינבאַקומען אונטן און פאַרשטאָפּן די וועגן, דורך וועלכע ס'דאַרף אַראָפּשווימען דאָס וואַסער בעתן וואַשן דעם בונקער. ס'איז נישט געווען קיין אַנדערע ברירה, מען מוז איבערמאַכן. ערשט איצט איז אויסגעבראָכן דער סקאַנדאַל. אינזש. אורבאַנסקי האָט געטענהט, אַז דער אַרבעטס־סיסטעם איז אַ גוטער, אַלץ נעמט זיך דערפון, וואָס די אַרבעט איז שלעכט איסגעפירט און דאָס האָלץ וויניק טרוקן. דאַקעגן עליע, אַנאַליזירנדיק די לאַגע, איז געקומען צום אויספיר, אַז דער פעלער ליגט אין באַאַרבעטונגס־סיסטעם פונעם מאַטעריאַל. כל־זמן ס'וועלן נישט זיין קיין שטאַנדאַרטנע — אַלע לויט דער זעלבער מאָס געמאַכטע — בעלקעס, וועט די גאַנצע אַרבעט טויגן אויף כפרות. כדי די מאָסן זאָלן שטימען, מוז מען דאָס מאַטעריאַל דורכלאָזן דורך דער ערשטפּאַזיקער העבליאַרקע. דאָס באַנוצן זיך מיט דער אויסגלעט־העבליאַרקע גאַראַנטירט נישט קיין גלייכע מאָסן אויף די קאַנטן פון זעלבן באַלקן. דאָס איז טאַקע לויט זיין מיינונג געווען דער גרונטפעלער. אורבאַנסקי האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן, עליע איז אויך נישט געווען קיין קליינער עקשן, בפרט נאָך, ווען ער איז אינגאַנצן

איבערצייגט, אַז ער איז גערעכט. דאָס פּראָבלעם איז געווען אַן ערנסט, און די די־רעקציע האָט גערופן אַ קאָמיסיע פון ספּעציאַליסטן, וועלכע האָט געדאַרפט דע־צידירן אין דעם ענין. אויף דער זיצונג פון דער קאָמיסיע האָט זיך געפירט אַ לאַנגע דיסקוסיע. אורבאַנסקי האָט פאַרטיידיקט זיין שטעלונג אויך מיט דעם, וואָס עליעס פאָרשלאַג וועט קאָסטן דער אונטערנעמונג ביז 40 פּראָצענט מער מאַטעריאַל. דאָס וועט פייערער מאַכן די אַזוי אויך צו טייערע פּראָדוקציע. אָבער עליע, כאָטש ער האָט באַשטעטיקט, אַז מאַטעריאַל וועט אַוועקגיין מער — בערך מיט אַ 10 פּראָצענט, האָט אויפגעוויזן, אַז עס וועט דאָך אויסמאַכן פיל ביליקער, ווי איבערמאַכן, דערביי וועט די אַרבעטס־צייט באַדייטנדיק פאַרקלענערט ווערן. און אַז אין דער צוקונפט זאָל נישט אַוועקגיין מער מאַטעריאַל, דאַרף מען באַ־שטעלן אין טאַרטאַק האָליץ לויט די נייטיקע מאָסן.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס עליעס אַרגומענטן זענען געווען איבערצייגנ־דיקע, האָט דאָך אורבאַנסקי נישט מסכים געווען צו בייטן די טעכנאָלאָגיע. די קאָמיסיע האָט באַשלאָסן אָננעמען עליעס פאָרשלאַג מיט דעם, אַז ער איז פאַר־אַנטוואָרטלעך הן פאַר דער טעכנאָלאָגיע פון דעם געביט, הן פאַרן מאָנטאַזש. נישט האָבנדיק קיין אַנדערע ברירה, איז עליע מסכים געווען, ער האָט אָבער דעם פאָרשלאַג געמאָלדן אין קעמערל פאַר דערפינדערישקייט — זאָלן זיי אָפּשאַצן די רעזולטאַטן פון דער אַרבעט. און ער האָט זיך שפּעטער נישט געהאַט מיט וואָס צו שעמען, זיינע אויסרעכענונגען זענען געווען ריכטיקע. נאָכן אַרויסגעבן דעם 4־טן בונקער האָט ער באַקומען אַ לויב פון אַרמאַטאָר, און דער דירעקטאָר האָט אים פון זיין פאָנד געגעבן אַ הויכע פּרעמיע, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט: „פאַר זיין עקשנות און קעמפערישקייט".

דער רעזולטאַט איז געווען אַזעלכער: ס'איז אויף 40 פּראָצענט פאַרקלענערט געוואָרן דער צייט־פאַרברויך אויף דער אַרבעט, וואָס עס האָט געגעבן 56,000 זל. אָפּשפּאָרונגען.

עליע האָט געהאַט פיל דערפאָלגן אין דער אַרבעט. מיט דער צייט האָבן די דערפאָלגן אַרויסגערופן ביי אים אַ געפיל פון זעלבסטצופרידנקייט און פאַררײַסנ־קייט אין באַצוג צו אַנדערע. ס'האָט זיך אים שוין געגומען דאַכטן, אַז ער פאַר־שטייט בעסער פון אַלעמען. דאָס האָט אים דערפירט צו מאַכן פאַרשידענע פע־לערן.

אָט האָט עליע באַקומען אַן אויפגאַבע צו מאַכן די סופיטן אין די קאַיוטעס. נישט לאַנג געטראַכט, האָט ער פאַנאַנדערגעוויקלט די אַרבעט. דער בוי־לייטער אינזש. מעלצאַזש האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז פאַרן לייגן די דעק־פאַר־

לאַנגע טאָר מען די סופיטן נישט מאַכן. עליע האָט זיך פון דער זאַכלעכער באַ־מערקונג גאָרנישט געמאַכט און געטאָן דאָס זייניקע — ס'וואָרטן דאָך אויף אים די עלעקטריקער און מאַליערס. דער רעזולטאַט איז געווען אַזעלכער, אַז ווען מ'האָט אויבן גענומען שווייסן די שפּילקעס, צו וועלכע עס ווערן צוגעפּעסטיקט די הילצערנע עלעמענטן, האָט פון אונטערן סופיט גענומען שיסן אַ רויך. ס'האָט געדראָט מיט אַ שׂרפה. וואָס ווייטער איז געשען, איז לייכט צו פאַרשטיין: מען האָט געמוזט אַראָפּנעמען און נאָכאַמאָל מאַכן.

5 דעק־פאַרלאָגעס פאַרמאָגט אַ שיף. יעדע איז פריער געמאַכט פון אייזן, שפּעטער געדעקט מיט האָלץ. יעדעס ברעט (75 מילימעטער די גרעב) ווערט צו־געפּעסטיקט באַזונדער אויף אייזערנע שפּילקעס — שרויפן, וועלכע ווערן אויף אַ גלייכן אָפּשטאַנד פון אַנאַנדער צוגעשווייסט צום אייזערנעם דעק. יעדעס ברעט מוז נעט צושטיין צו דעם אַנדערן, עס טאָר נישט זיין קיין סימן פון אַ שפּאַרע. דעם אייזערנעם דעק טאָר נישט דורכדרינגען קיין טראָפּן וואַסער. ביי דער אַר־בעט שוויצן די טעסליער גאָר נישקשהדיק. שוין אַ לאַנגע צייט, ווי עליע איז אַן אָפּטער גאַסט אויף די דעקן, ער אָבסערווירט די אַרבעט און קלערט אַריין, וויאַזוי זי לייכטער און פּשוטער צו מאַכן, כדי צו פאַרקירצן דעם צייט־פאַרברויך. די אַרבעט גייט דאָ גענוג געשיקט. צוויי טעסליער לייגן אַוועק דאָס ברעט, צייכענען אָן די ערטער, וווּ עס דאַרפן קומען די לעכער, וועלכע ווערן באַלד געמאַכט מיט אַן עלעקטרישע בוימער־מאַשינקע. דער בוימער, אַרויסגייענדיק אויף דער צווייטער זייט, לאָזט איבער אַ צייכן אויפן אייזן, און דער שווייסער נעמט זיך גלייך צו די שפּיל־קעס. איצט ווערט געטווישט דער בוימער אויף אַ פיל גרעסערן צום פאַנאַנדעראַר־בעטן די אייבערשטע טייל פון דעם לאָך, אין וועלכן עס דאַרף זיך באַהאַלטן די צוגעשרויפּטע מוטערקע. דער לעצטער פּראָצעס איז פאַרקלינעווען די אייבערשטע טייל אַזוי, מ'זאָל נישט דערקענען, וווּ ס'געפינט זיך די שפּילקע אַזוי חזרט זיך דער פּראָצעס איבער בסדר. עליע טראַכט: זיבן טויזנט לעכער — ווען פון יעדן שפּאָרט מען אָפּ בלויז איין מינוט, גיט עס קרוב 120 שעהן עקאָנאָמיע. פון וואַ־נען רייסט מען אָבער אַרויס די מינוטן?

ס'איז געווען נאָך אַן ענין, וואָס האָט עליען ממש אָנגעצונדן. אין וואַרשטאַט ביי די קוואַליפיצירטע סטאָליער האָט זייער פיל צייט פאַרנומען דאָס צינקעווען (מאַכן די שליסונגען פון די ווינקלען) די שופלאָדן און אַנדערע מעבל. וויפל מאָל עליע האָט געזען שטיין די אַרבעטער און צינקעווען, האָט עס אים באַוויגן

צו טראַכטן, ער האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט אויסקלערן. מאַשינען צום ציינקע=
ווען זענען פּאַראַן, אין לאַנד קאָן מען זיי אָבער ציילן אויף די פינגער. דאָס איז
אַן אימפּאָרטירטע מאַשין. אין שטשעטשין איז אַפילו קיין איינע נישט פּאַראַן.
וואָלט כאָטש עליע געזען, ווי ס'זעט אויס אַזאַ מאַשין, וואָלט ער שוין עפּעס צו=
געטראַכט, אָבער גיי מאַך, אַז דער גאַנצער ענין איז פאַר אים איינגעהילט אין אַ
טונקעלן שלייער. דער ענין לאָזט אים אָבער נישט צורו. ווען מען זאָל מעכאַניזירן
דעם פּראָצעס, וואָלט עס געגעבן הונדערטער איינגעשפּאָרטע אַרבעטס=שעהן.

צו דעם, אַז מען דאַרף אָנהייבן פון מאַכן אַ פּרעזער=מעסער, וואָס זאָל האָבן
די פאָרם פון אַ קאָנוס, האָט ער זיך פאַרהעלטנישמעסיק שנעל דערטראַכט. דאָס
האָט אים אונטערגעזאָגט די אַרבעט זעלבסט. און נישט לאַנג געטראַכט, האָט ער
אַזאַ פּרעזער=מעסער געמאַכט. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז קוים
אַן אָנהייב. דער פּרעזער=מעסער האָט שטאַרק וויברירט, און ס'איז גאָרנישט
אַרויסגעקומען. די גאַנצע קונסט ביים ציינקעווען איז פּרעציזקייט. אָבער עליע איז
פון די מענטשן, וואָס טאָמער האָט ער שוין געמאַכט דעם ערשטן שריט, מוז ער
מאַכן דעם צווייטן... נאָך אַ וואָך אַריינטראַכטן האָט ער קאָנסטרואירט אַ שאַב=
לאָן אין פאָרם פון אַ קאַם. צום אייבערשטן טייל פון פּרעזער=מעסער האָט ער צו=
געפּאַסט אַ שייבע, וואָס האָט זיך פּרעציז אַריינגעפּאַסט אין שאַבלאָן און האָט
זיך געקאָנט רוקן בלויז אויף פאָרנט לויט דער איינגעשטעלטער טיף. דער שאַב=
לאָן האָט אים געדאַרפט לעזן צוויי פּראָבלעמען: רעגולירן דעם אָפּשטאַנד פון
איין ציינק ביזן צווייטן און ביז אַ מינימום רעדוצירן די רעאַקציע פון פּרעזער=
מעסער. עליע איז צוגעטראָטן צו מאַכן פּראָבן. עס גייט אַ טאָג, צוויי, דריי...
ער טרעט נישט אָפּ פון דער מאַשין. דעם פּרעזער=מעסער האָט ער באַהערשט,
דאָס איז שוין אַ טריט פאָרויס, דער ציינק באַקומט זיך נישט קיין שלעכטער,
אָבער דאָס פּראָבלעם אינגאַנצן איז נישט געלעזט געוואָרן. ווי עס קומט צום צו=
נויפשליסן דעם ווינקל, שטימט נישט. עליע איז אָבער אומדערמידלעך. פּאַמעלעך,
טריט נאָך טריט רוקט ער זיך פאָרויס. ער האָט שוין געמאַכט אַ צענדליק שאַב=
לאָנען. איין וואָך איז שוין פאַרביטן געוואָרן דורך דער צווייטער. ער גייט אַהיים,
ווען די זון האָט זיך שוין לאַנג פאַרבאַהאַלטן הינטערן מעכאַנישן צעך. ער איז
מרוקעוואַטע געוואָרן, פאַרשלאָסן, בייז. ס'העלפט אָבער נישט, ער טרעפט נישט
מיט דער מאָס, ס'זאָלן שטימען די שאַבלאָנען.

עליע פּרוווט זיך קאָנסולטירן מיט אייניקע אינזשיניערן. עצות באַקומט ער
אַ סך, אָבער אין דער פּראַקטיק קומט פון די אויסרעכענונגען גאָרנישט אַרויס.
מיט אַן אָנגעווייטיקט האַרץ רייסט ער איבער די פּראָגן. ס'איז אַרויסגעקומען,
ווי דער בריגאַדיר פון דער מאַשינען=אָפּטיילונג ניעשפּאָרעק האָט אים געזאָגט:
„ס'וועט פון דעם גאָרנישט אַרויסקומען, מען האָט נאָך אויף אַ מאַשין נישט גע=

צינקעווען און מ'וועט ווייטער נישט צינקעווען. עס זענען שוין געווען א סך קלוגע — וואָס האָבן זיי אויפגעטאָן?" עליע האָט אראָפּגעשלונגען די חרפּה און די איינריכטונג אָפּגעלייגט אין א זייט. פון דער אָנפירונג האָבן שוין אפילו איניקע אָנגעהויבן צו בורטשען: אָנשטאָט מיט דער אָפּטיילונג, פאַרנעמט ער זיך גאָר מיט נארישקייטן. ער האָט רעזיגנירט, כאָטש טיף אין זיך האָט ער געפילט, אז די לעזונג איז א ריכטיקע. דער פעלער באשטייט בלויז אין דעם, וואָס ער קאָן נישט אויסרעכענען, וויאַזוי צו מאַכן דעם שאַבלאָן, עס זאָל שטימען ביידע טיילן פון דער שליסונג. ס'וועט נאָך קומען די צייט אויף דעם אויך...

עליע שטייט אויפן דעק פון דער שיף און באטראכט, ווי סאָקאָלאָווסקי אר־בעט. ער האָט ליב אָט דעם יונגן, פעיקן ארבעטער. נאָך מיט א יאָר צוריק איז ער געווען א שילער, היינט אן ארבעטס־שלאָגלער. סאָקאָלאָווסקי האָט זיך איינגע־בויגן, גענומען דעם עקבויער אין האַנט, האָט אָנגעכאַפּט מיטן פינגער דעם שפּיץ, צי ער איז גענוג שארף, און מיט אימפּעט אים א שטעל געטאָן אויפן קלאָץ. דער־נאָך מיט דער שווערער דלאָניע עטלעכע מאָל א קלאַפּ געטאָן אין הענטל און גע־נומען ארייננדרייען. עליע זעט, ווי דאָס שרייפל ווערט פארזונקען אין האָלץ, און די שאַרף פון בויער הייבט אָן צו שניידן, אז ס'פליען אַזש ספּרוזשקעס. ער האָט זיך פארטראכט, ס'איז אים איינגעפאלן א געדאנק: מאַכן א צווייטאָסיקן בויער צום בויערן די שיף־דעקן, דאָס וואָלט געגעבן אן אָפּשפּאָרונג פון צענדליקער מינוטן.

בעת דער נייער בויער איז שוין געווען פארטיק, האָט זיך עליע ארומגעזען, אז ער טויג נישט. פון צייכענען אויפן אייזן ווערט דער אונטערשטער בויער שנעל טעמפּ, נאָך יעדעס מאָל שארפן ווערט ער קירצער, אויף וויפל דער ערשטער טייל ווערט קירצער, אויף אזוויפל טיפער גייט דער צווייטער אריין אין האָלץ. מען טאָר עס אָבער נישט, די מאָס מוז איינגעהאלטן ווערן. דעריבער דאַרף דער אייבערש־טער טייל (די ברייטערע שארף) זיין א באוועגלעכער, מ'זאָל אים קאָנען רעגו־לירן. איידער דער ערשטער בויער איז אינגאנצן אָפּגענוצט געוואָרן, האָט עליע צוגעטראכט א צווייטן. די פּראָבע מיטן נייעם בויער האָט זיך גלענצנד איינגעגעבן. די טעסליער האָבן געקוקט אויף עליען מיט אנטציקונג. דער צווייטער בויער איז שוין געווען פון אן אויסגעבעסערטער קאָנסטרוקציע — די אנדערע שארף האָט זיך אָנגעטאָן אויפן דינעם בויער און מיט א שרייפל צוגעפעסטיקט אויף דער נייטיקער הייך.

גֶעשען איז עס עטלעכע טעג פארן ערשטן מאַי 1953.

ס'איז זונטיק באגינען. עליע ליגט אויפן געלעגער און יאָגט זיך נישט, היינט האָט ער אן אָפּרו־טאָג און גייט נישט צו דער ארבעט, אָבער עס שלאָפט זיך אים נישט פון געוווינהייט. אין שלאָפצימער איז שטיל, מארילע און די קינדער שלאָפן נאָך געשמאַק, ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דער ארבעט און זיך פארהאַלטן אויפן צינקעווען. קיין צופאל איז עס נישט געווען, די רעטעניש מאַטערט אים שוין זינט א האַלב יאָר. פארוואָס זאָל ער זי נישט קאָנען לייזן, פארוואָס זאָל ער נישט קאָנען אויסרעכענען דעם נייטיקן אָפּשטאַנד אזוי, אז ביידע טיילן פון דער שליסונג זאָלן שטימען, מיט אזויפיל חרפּה זיך שוין אָנגעגעסן צוליב דעם. ווו קאָן דאָ ליגן דער פעלער?... עליע טראַכט: אריבער א צענדליק שאַבלאָנען געמאַכט, יעדעס מאָל מיט אן אנדער אָפּשטאַנד; זיך דערשלאָגן, אז ביידע טיילן פאר זיך זאָלן זיין גוטע, אָבער צוזאַמען... אפשר ליגט דער פעלער אין דעם, וואָס די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט האָט ער קאָנצענטרירט אויפן אָפּשטאַנד, האָט נישט געלייגט קיין אכט אויף דער סימעטריע, נישט געמאָסטן צוזאַמען מיטן פרעזער...

עליע קאָן שוין נישט איינליגן, דאָס ווייכע געלעגער האָט אים אָנגעהויבן בריען, און שטילערהייט, בכדי קיינעם נישט אויפצוּוועקן, שלייכט ער זיך ארויס אין צווייטן צימער אריין און זעצט זיך צום שרייבטיש.

— ...אהא, בכדי אויסצורעכענען די דורכשניטלעך אריטמעטישע גרעב פון פרעזער־מעסער, דארף איך צוגעבן די מאָסן פון דער שמאָלער און ברייטער זייט און צעטיילן אויף צוויי... דער אָפּשטאַנד טאָר נישט זיין נישט מער און נישט ווייניקער... — עליע פּרוּווט זיך דערמאָנען די מאָסן פון די שאַבלאָנען, דאָרט זע־נען געווען פארשידענע, ברייטערע און שמאָלערע — זיי האָבן דאָך אָבער נישט געקאָנט שטימען. איצט..."

עליע וואָלט שוין געפלויגן אין צעך צו דער מאַשין מאַכן די פּראָבע. ס'איז דאָך אָבער זונטיק.

אויף מאָרגן האָט זיך עליע גענומען מאַכן דעם נייעם שאַבלאָן. ער האָט גע־ארבעט פּאַוואָליע, ספּעציעל נישט געאיילט זיך. די פּראָבע האָט ער געוואָלט מאַכן דאָן, ווען ס'וועט זיין ווייניקער נייגעריקע, ווען ער וועט בלייבן אליין מיט דער מאַשין. אפשר שטימט איצטער אויך נישט? בלויז דעם אינזשעניער טויאַקאַ — ז'עם אָנפירער מיטן קעמערל פאר ראַציאָנאַליזאַציע און דערפינדערישקייט — האָט ער געזאָגט וועגן דער פאַרשטייענדיקער פּראָבע.

עליען איז נישט געלונגען צו מאַכן די פּראָבע אין דער שטיל. ווען ער איז נאָך פייעראַנט אריין אין צעך מיט דער איינריכטונג אין האַנט, האָבן זיך ארום אים ארומגעשטעלט אריבער א צענדליק נייגעריקע באַלמעלאָכעס. עליען האָט גענומען פאַלן פון די הענט, ער האָט זיך אָבער באַהערשט.

מיט א דינעם פייף האָט אָנגעהויבן ארבעטן דער מאָטאָר. די מאשין איז געלאָזן געוואָרן אין גאנג, און דער פרעזער-מעסער האָט זיך איינמאָל נאָכן אנדערן איינגעפרעסן אין דעם אונטערגערוקטן ברעט איבערלאָזנדיק נאָך יעדן מאָל א נייעם צינק. אַרום דער מאַשין איז שטיל. אַלעמענס בליקן זענען געווענדעט אויפן פרעזער-מעסער און אויף עליעס הענט. ער האָט שוין צוגעפעסטיקט דעם שאבלאָן צו דעם צווייטן ווענטל פון שופלאָד און ווידער ארבעט דער פרעזער-מעסער מיט זיין אייגנארטיקן גערויש. ס'איז אָנגעקומען די וויכטיקסטע מינוט. עליען קלאַפּט שנעלער דאָס האַרץ, און די הענט ציטערן, בעת ער לייגט צו איין טייל צו דער אנדערער...

מיט א טאָג שפעטער האָט דער אינזשיניער טויאקא אריינגעשריבן ביי אים אין ראציאָנאליזאציע-ביכל א ווייטערדיקע פּאָזיציע. אָנשטאָט צוויי מיט א האלבע שעה צינקעווען א דרייענדיקן שופלאָד, בלויז 40 מינוט.

אין אָנבליק פון גרויסן נאציאָנאלן יום-טוב דעם 22-טן יולי האָט דער קאָלעקטיוו פון די ווערפן איבערגעלעבט פרייידיקע טעג: די ערשטע פולשטענדיק ארויסגעענדיקטע שיף, דאָס ערשטע קינד פון די שטשעטשינער ווערפן האָט פארלאָזט די טעריטאָריעלע וואסערן און אוועק אין דער ברייטער וועלט. עליע וועט נישט פארגעסן די פייערלעכע מינוט, ער זעט נאָך איצט פאר די אויגן דעם שווארצן רויך פון קוימען, וועלכן ער האָט נאָכגעקוקט, ביז ער איז פארלוירן געגאנגען פון אויג. די ארבעטער פון די ווערפן האָבן די שווערסטע צייט געהאט הינטער זיך, די אַרבעט ביי דער צווייטער שיף, איז שוין געגאַנגען פיל בעסער, לייכטער און שנעלער, איצט איז שוין די טעכנאָלאָגיע געווען א באהערשטע, די ארבעט א באקאנטע, אלע צייכענונגען פאנאנדערגעשיפרירטע און אויסגעבעסערטע. ביז די ערשטע שיף איז אוועק אין דער וועלט אריין, איז שוין דער צווייטער קאדלוב געווען גרייט צום וואסערן, איצט האָט מען זיך שוין פיל מער געקאָנט ווידמען דעם כסדרדיקן אויסבעסערן דעם ארבעטס-פּראָצעס. דער סאָציאליסטישער ארבעטס-פארמעסט האָט באקומען א נייעם אינהאלט, ס'איז געוואקסן די ארבעטס-פּראָדוקטיווקייט און ס'האָבן זיך געהויבן די פארדינסטן. עליע לעבט מיט דער ארבעט, טראכט וועגן איר און האָט צו פארצייכענען פיל ווייטערדיקע דערגרייכונגען.

ווי ס'איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, האָבן די כסדרדיקע דערגרייכונגען ארויסגערופן ביי עליען געפילן פון פאררייסנקייט און אפילו גרינגשעצונג צו פיל מיטגלידער פון טעכנישן און אדמיניסטראטיוון אפאראט און אפילו צו געזעלשאפטלעך-פּאָליטישע טוער. ער האָט אָנגעהויבן מעסטן דאָס לעבן אויפן געביט

פון די ווערפן מיט איין מאָס — מיט דער צאָל רעאַליזירטע ראַציאָנאַליזאַציעס און איינגעשפּאָרטע ארבעטס־שעהן. אלדאָס איבעריקע איז פאר אים געווען מינ־דערוויכטיק. אָט דער צוגאנג האָט געמוזט דערפירן צו א ריי פעלערן. אָנגעהויבן האָט זיך פון קליינע מיספארשטענדענישן צווישן עליען און דעם אינזשיניער אור־באנסקי, דעם טעכנאָלאָג פון זיין אָפּטיילונג, וועלכע זענען אינקורצן דערגאנגען צו אָפענע קאָנפליקטן, און נישט שטענדיק איז עליע געווען גערעכט. דאָס האָט אין א גרויסער מאָס אונטערגעריסן זיין אויטאָריטעט. שפּעטער איז דערגאנגען צו א שארפן קאָנפליקט צווישן עליען און דעם סעקרעטאר פון דער גרונטיקער פּארטיי־אָרגאניזאציע קישעלעווסקי. אַלץ צוזאמען האָט געשאפן א נויטווענדי־קייט צו מאַכן פּערסאָנעלע ענדערונגען, און דעם ערשטן פעברואַר 1954 גיט עליע איבער די אָפּטיילונג זיין פארטרעטער און ווערט איבערגעטראָגן אין דער טעכנאָלאָגישער סעקציע פון דער אונטערנעמונג.

עליע האָט פיל, זייער פיל איבערגעלעבט. ער האָט זיך געפילט באַליידיקט, ס'איז אָנגערירט געוואָרן זיין אייגנליבע און ס'האָט געדויערט א לאנגע צייט, ביז ער האָט געגומען פאַרשטיין, אַז נישט קיין קליינע שולד פאַרן געשעענעם טראָגט ער זעלבסט. די העכערע פארטיי־אינסטאנצן האָבן עם אים געהאָלפן צו פאר־שטיין, זיי האָבן אויך אָנגעוויזן, ווו דער סעקרעטאר האָט געמאכט פעלערן. פאר עליען איז עס געווען אַ גוטע לעקציע, ווי ער האָט זיך צו דעם אַליין שפּעטער מודה געווען.

עליעס פערזענלעכע איבערלעבונגען האָבן נישט געווירקט אויף צו האמע־ווען זיין ברען צו דער ארבעט. די פּארטיי האָט עליען געלערנט, אז דאָס וויכ־טיקסטע איז זיך אָנערקענען צו די פעלערן, דערזען זייערע וואָרצלען און מיט שעפערישע ארבעט פארן פאָטערלאנד די פעלערן פאַרריכטן. עליע האָט זיך צו־געאייגנט די לערע און איז ארויף אויפן ריכטיקן וועג.

אויף די ווערפן האָבן געדויערט די צוגרייטונגען צו דער פּארטייאיש־עקאָ־נאָמישער קאָנפערענץ, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען דעם 10־טן סעפּטעמבער 1954. איר אויפגאַבע איז געווען פאַרשטאַרקן דעם קאַמף פאַר אַראָפּנידערן די זעלבסט־קאָסטן פון דער פּראָדוקציע, מאכן ווייטערדיקע אויסבעסערונגען אין די טעכנאָלאָגישע פּראָצעסן און פארפולקאָמען די אָרגאניזאציע פון דער ארבעט, כדי מעגלעך מאכן אויסצופירן די בויונג אין דער פלאנירטער צייט. אויף צו פאר־זיכערן דער קאָנפערענץ דעם געהעריקן דערפאָלג האָט די פּארטיי־אָרגאניזאציע פאנאנדערגעוויקלט א ברייטע אויפקלערונגס־ארבעט, וואָס האָט געצילט צו דער־וועקן און אנטוויקלען די שעפערישע איניציאטיוו פון די ארבעטער, באַווייגן צו טראַכטן אין דער ריכטונג: „וואָס שלאָגסטו פאָר צו מאַכן אויף דיין אַרבעטס־אָפּשניט, כדי אראָפּצונידערן די זעלבסט־קאָסטן פון דער פּראָדוקציע. און די דאָ־

זיקע באַוועגונג האָט אַראַנג דעם באַוווסטזיין און פּאַטריאָטיזם פון די אַרבעטער
אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער. הונדערטער קאָנסטרוקטיווע פאָרשלאַגן זענען
אַריינגעטראָגן געוואָרן אַלס ענטפער אויפן קאָנקורס פון קעמערל פאַר ראַציאָנאַ=
ליזאַציע. עליע האָט אין אָט דער באַוועגונג גענומען גאָר אַן אַקטיוון אָנטייל. ער
האָט זיך פאַרפליכטעט און אַריינגעטראָגן 10 ראַציאָנאַליזאַטאָרישע פאָרשלאַגן —
אַלע האָבן געפירט צום אַראָפּנידערן דעם צייט־פאַרברויך פון דער בויונג. ער
האָט פאָרגעשלאָגן: 1) בייטן די קאָנסטרוקציע פון די שיף־טירן, 2) בייטן די
קאָנסטרוקציע פון אייניקע מעבל־שטיק, 3) איבערגיין אויף אַ שאַבלאָן־סיסטעם
צו שאַלעווען דעם ווינונגס־שטח און די דעקן פון די שיפן, 4) מעכאַניזירן די
אַרבעט פון די מאַליאַרעס — איינפירן דעם שפּריץ־סיסטעם, 5) קאָנסטרואירן אַן
איינריכטונג מעכאַניש איינצוקלאַפּן דעם מאַרגאַן — פאַרשפּונטעווען דעם
שיף־דעק אאַ.

יעדן פון די 10 פאָרשלאַגן האָט עליע באַגרינדעט, האָט אָנגעגעבן די אַלגע=
מיינע סכעמע, וויאַזוי זיי צו רעאַליזירן. עליע האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט אי=
בערקאָנסטרואירט די זיכערהייטס־מאַסקע, מיט וועלכער עס באַנוצן זיך די אַר=
בעטער פון דעם זאַמד־אַפּאַראַט, וואָס שיסט מיט אַ שטאַרקן שטראָם זאַמד און
דינט צום אָפּרייניקן דעם זשאַווער פון אייזן. ער האָט דעם אַפּאַראַט צוגעפּאַסט
צו די באַדערפעגישן פון די מאַליאַרעס. מיט דעם האָט ער ליקווידירט די שטע=
רונג איבערצוגיין צום מעכאַנישן שפּריץ־סיסטעם. ער האָט אָרגאַניזירט בריגאַ=
דעם פון אינזשיניערן און אַרבעטער. איינע פירט איין דאָס שאַבלאָנאָווע שאַ=
ליעווען פון די שיף־ווינונגען, די צווייטע פון די שיף־דעקן. מיט ביידע פירט ער
אַליין אָן. אָבער צום מערסטן צייט האָט ער געווידמעט דעם קאָנסטרואירן די
איינריכטונג איינצוקלאַפּן דעם מאַרגאַן אויף די דעקן (ביים לייגן די פּאָדלאָגעס
בלייבן שפּאַרעס צווישן די ברעטער. די דאָזיקע שפּאַרעס ווערן פריער פאַרקלאַפּט
מיט פּאַקולעס — מאַרגאַן, שפּעטער פאַרשפּאַכליעוועט. קיין טראָפּן וואַסער טאָר
זיך נישט דורכקריגן צום אייזן אונטער די ברעטער). די ראַציאָנאַליזאַציע האָט
אים געקאָסט עטלעכע חדשים שווערע אַרבעט, ס'האָט אָבער געלוינט, ווייל לויט
זיינע אויסרעכענונגען האָט זי געדאַרפט פאַרשפּאָרן די אַרבעט פון צענדליקער
אַרבעטער, דעם גאַנצן פּראָיעקט האָט ער געבויט אויפן איבערקאָנסטרואירן אַ
פּנעוומאַטישן האַמער, צופּאַסן אים צום אַריינקלאַפּן דעם מאַרגאַן. בעת מעשה האָט
זיך אים געדאַכט, אַז דאָס וועט זיין אַ לייכט שטיקל אַרבעט, אָבער אַרויסגעוויזן
האָט זיך אַנדערש. אין פּראָצעס פון רעאַליזירן האָבן זיך אַרויסגערוקט שווערי=
קייטן, אָפּטמאָל נישט צום לעזן. וויפל שלאָפלאָזע נעכט זענען אַוועק אויף טראַכטן,
וויפל צייט אויף נישטערן אין דער טעכנישער ליטעראַטור, אויסרעכענען, און פיל
מאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט שוין די לעזונג און ס'האָט זיך אַרויסגע=

וויזן א בוידעם. אין די אויסרעכענונגען האָבן אים אויך צוגעהאָלפן די אינזשיניערן. אָבער אַלע פּרוּוון האָבן זיך געענדיקט מיט גאָרנישט. עליע איז אויסגעמאַטערט געוואָרן און איז שוין געווען גרייט צו פאַרוואַרפן דעם גאַנצן ענין, אָבער דער אינזשיניער קויאַקאַ האָט אים אונטערגעהאַלטן. עליע באַשליסט נעמען אורלויב, זיך אָפּרוען, און ערשט שפּעטער, מיט א רואיקן קאָפּ פאַרענדיקן די דערפינדונג. אורלויב האָט ער טאַקע גענומען, אָבער די אַרבעט פון דער קאָנסטרוקציע האָט ער נישט אַוועקגעלייגט, ער איז אין ערגעץ נישט אַרויסגעפאָרן, כאָטש זיין פרוי מאַרילע איז דורכויס צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל פאָרן זיך אָפּרוען. ווי ליגט דער פעלער, האָט אים געעקבערט אין מוח, ער איז אָבער געווען אומבאַהאָלפן. איינמאָל נאָך א נישט געלונגענער פּראָבע, האָט עליע צונויפגעלייגט די „מאַכע־רייקע" און גענומען שפּאַצירן איבערן שיף, זיך צו צעשטרייען די נערוון. זיין בליק איז געפאַלן אויפן שווייסער, וועלכער האָט גראָד געביטן א בוטל וויערשטאָף. דער שווייסער האָט קודם כל אַרויפגעדרייט א דאָפּלטן זייגער־מעכאַניזם און שפּעטער פאַראייניקט דעם גומענעם שלאַנג. עליען האָט א געדאַנק געעפנט דעם מוח. דער דרוק, דער דרוק פון געפּרעסטע לופט קאָן זיין א פאַרשידענער... ווי ס'איז עס קיינעם פריער נישט איינגעפאַלן. אַזוי איז ער געקומען צו דער פולער לעזונג פון זיין אויפגאַבע.

דעם 15־טן פעברואַר 1955, נאָכן דורכפירן די נייטיקע צוגרייטונגס־אַרבעטן אין דער בריגאַדע, איז מען צוגעטראָטן צום שאַבלאָנאָוון שאַליעווען. ביז דעם טערמין איז באַשטעטיקט געוואָרן עליעס פּראָיעקט צו ענדערן די טעכנאָ־לאָגיע פון אייניקע מעבל־שטיק, זיין מאַרגאַן־אַפּאַראַט ווערט שוין איינגעפירט אין דער פּראָדוקציע. דאָס איז דער איינציקער געלונגענער פּרווו צו מעכאַניזירן אָט דעם אַרבעטס־פּראָצעס פון אונדזער שיף־אינדוסטריע אין לאַנד.

אין עליעס ראַציאָנאַליזאַטאָרן־ביכל ווערן אַריינגעשריבן אַלץ נייע און נייע פּאָזיציעס, נעבן זיי — די אָפּגעשפּאָרטע סומעס פאַר אונדזער מלוכה־ווירטשאַפט, וועלכע דערגייען צו הונדערטער טויזנטער זלאָטעס. די לעצטע אַריינגעטראָגענע פּאָזיציע טראָגט דעם נומ. 31. די גרעסטע טייל ראַציאָנאַליזאַציעס זענען פּאַטענ־טירט געוואָרן דורכן פּאַטענטן־אַמט אין וואַרשע און ווערן אָנגעווענדעט אין די ווערפן פון גדיניע, גדאַנסק אאַ.

דעם 10־טן יאָרטאָג פון באַפרייען שטשעטשין פון די היטלער־באַנדיטן האָט דער קאָלעקטיוו פון די ווערפן באַגעגנט ווירדיק — מיטן פאַרטערמיניקן אַראָפּלאָזן אויפן וואַסער די צענטע שיף. אין יעדער שיף האָט עליע זיין חלק אַרבעט.

אינהאַלט:

	זייט
עליע ווישניאַק	3
קינדער און יוגנט־יאָרן אַן גליק און פרייד	6
אויף סאָוויעטישע ערד	19
אין באַנייטן פאָטערלאַנד	39
אויף די שטשעטשינער ווערפן	46